STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06020

UNTER AMERIKANER HIMLEN

M. Bogdanski

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מ. באָגדאַנסקי

אונזער אַמעריקאַנער הימלען

די לעגענדע קאָלומבוס און אַנדערע
פאָלקס מעשות און דערציילונגען.

ערשטער באַנד.

פרייז $1.00

פ א ר ל אַ ג אַ ר ב ע ט ע ר וו ע ל ט — ש י ק אַ ג אָ
.1936

ALL RIGHTS RESERVED.

מיין ליבער פרוי, ד"ר
בערטא שמולעוויץ — אַ מתנה

....און ווייטער, ווייטער שווימט די שיף
זי שניידט א שוימיק, ווייסן וועג
דורך בייזע שטורעמס אויפן ים
און קומט צום נייעם ברעג....

קאלומבוס

א

נִיט אַלעמאָל זיינען די פאַרבאַרגענע צדיקים בכח צו העלפן דעם אידישן פאָלק אין אַן עת צרה. עס קומט אַמאָל אַ צייט ווען אפילו פאַר אַט די „למד וואָוו" ווערן פאַרמאַכט אַלע טויערן פון הימל און זייערע תפילות שלאָגן זיך אָן אין אַן אייזערנעם טויער, זייער קול ווערט צעבערעקלט אין דעם אונענדלאכן רוים, גרייכט ניט צום כסא הכבוד און זיי קענען גאָר ניט אויפטאָן.

באַזונדער שווער איז פאַר די למד וואוו צדיקים אין יענע צייטן, ווען אידן הויבן אָן זיך צופאַסן צו דער אַרומיקער באַפעלקערונג אויף אַזוי פיל, אַז זיי פאַרלירן זייער אייגע-נעם אויסזען; ווען אַ איד ווערט אָן דעם קלסתר פנים פון אַ אידן. ווער שמועסט נאָך, ווען זיי הויבן אָן פאַרבייטן זייערע נעמען. דאַן ווערן זיי אָן אינגאַנצן זייער זכות, כביכול ווענדט זיך אָפּ פון זיי, די שכינה פאַרבויגט איר קאָפּ אונטערן פליגל און טרויערט אויף דעם אומגליק וואָס טרעפט דעם פאָלק ישראל; אַזוי טיף איז דער טרויער, אַז אַפילו די שטורמדיקע תפילות פון די שטילע „למד וואָוו" צדיקים קאָנען ניט אָפּווענדן די שכינה פון איר טיפן טרויער.

אַזוי איז דאָס געווען אין צייט פון דער שפּאַנישער אינ-קוויזיציע. פון אָנהויב, האָבן אידן געלעבט גוט אין יענעם לאַנד. ניט נאָר האָבן זיי געהאַט פרנסה ברוח, נאָר זיי

זיינען אויך געווען חשובים בא די הויפלייט; אידן זיינען געווען יועצים ביי די קעניגלאכע פארשטייער און אפילו מיניסטארן זיינען אידן געווען. דאס האט געדויערט אזוי לאנג ווי אידן האבן געלערנט און אפגעהיט גאט'ס תורה; יענע צייט איז פארצייכנט אלס די גאלדענע צייט אין דער געשיכטע פון אידישן גלות.

אבער, וישמן ישורון ויבעט... אידן האבן אנגעהויבן נאכצוטאן זייערע שכנים און נאך מער ווי דאס, זיי האבן אפילו צייטנווייז איבערגעיאגט זייערע שכנים: ניט נאר האבן זיי אנגעהויבן ריידן די שפראך פון לאנד, נאר זיי האבן אויך אנגעהויבן רופן זייערע קינדער מיט גוי'אישע נעמען.

דער שטן, וועלכער לויערט שטענדיק איבער דער וועלט, האט קיינמאל ניט פארשלאפן אזעלכע געלעגנהייטן: יעדן טאג האט ער ארויפגעבראכט אפן הימל א נייעם צעטל פון חטאים, ער האט פארקלאגט די אידן, אז זיי גייען ארונטער פון דרך הישר, אז זיי פארגעסן גאט'ס תורה, אז זיי פארגעסן גאט'ס הייליקע ווערטער און זיינע קלאגן האבן געהאט א ווירקונג, אפילו אפן הימל האלט מען אויך, אז ליבע דארף זיין א קעגנזייטיקע, און האבן די אידן פארראטן דעם רבונו של עולם ווען זיי האבן באדארפט ליב האבן מיטן גאנצן הארצן, האט זיי כביכול אויך פאר- געסן, דער שטן האט געקראגן די שליטה איבער די אידן אין שפאניען.

א גרויל איז דורכגעלאפן דורך דער וועלט, ווען דער שטן האט געקראגן די הערשאפט איבער די אידן; הונדערטער אידישע יונגע לייט און פרויען זיינען פארפייניקט געווארן צום טויט פון דער אינקוויזיציע.

אין די גרעסערע שפּאַנישע שטעט האָט מען געפּראַוועט גאַנצע צערעמאָניעס מיט די אידישע קרבנות. אינמיטן מאַרק פלעגט מען אויסבויען אַן עשאַפאָט, וואו מען האָט די אידישע יונגע לייט און פרויען פאַרברענט.

אַרום דעם ברייטן מאַרק פלעגן, אויף די באַלקאָנען און די וועראַנדעס פון די הייזער, זיצן אויסגעפּוצט אין „עסיק און אין האָניק" די שפּאַנישע מיוחסים, דאָס פירשטנטום, און דער „אַדעל" פון דער שפּאַנישער מדינה און האָבן צו־געקוקט ווי דעם שטנ'ס שליחים, די הונדערטער מאָנאַכן, געקליידעט אין שוואַרצן און אין ברוינעם, מיט שמאַטעס און צלמים אין די הענט האָבן געפירט די געבונדענע אידי־שע קדושים צום עשאַפאָט. בשעת מען האָט די מאַרטירער אַרויפגעלייגט אַפן פייער, פלעגט אַ גרויסער מוזיק אָר־קעסטער אָנהויבן שפּילן, כדי צו פאַרטויבן די געשרייען פון די ברענענדע קרבנות, אום די מאַטראָנעסעס, וועלכע האָבן זיך אויף די וועראַנדעס אזוי שיין אַמוזירט, זאָלן חלילה ניט הערן די קולות, און עס זאָל זיי ניט פאַרכאַפּן פאַרן האַרצן.

האָבן די שפּאַנישע „אַדעל" לייט טאַקע ניט געהערט, אָבער די וועלט איז ניט רואיק געוועזן. די פאַרבאָרגענע צדיקים האָבן די וועלט געשטורמט, די זיילן פון דער וועלט האָבן אַ ציטער געטאָן און עס האָט שוין געהאַלטן דערביי אַז זייערע קולות זאָלן אויפגענומען ווערן, אָבער פּונקט צו יענער צייט האָט אַ גאַנצע עדה אידן זיך געשמדט, אַ גאַנצע עדה האָבן זיך אונטערגעגעבן און אָנגענומען דעם קאַטוילישן גלויבן.

דאָס שמדן זיך איז אפילו געוועזן נאָר לפנים, שטילער־הייד האָבן זיי אָפּגעהיט זייער אידישקייט, אָבער דער חלול השם איז געוועזן אונגעהייער, דער איינדרוק אַ שווי־דערלאַכער, עס האָבן באַלד אָנגעהויבן אַנדערע אידישע

משפחות נאָכצוטאָן און ניט קוקנדיק דערויף וואָס הונדערטער אידישע יונגע לייט און זקנים האָבן זיך געלאָזט ברענען און בראָטן און ניט „איבערגעביטן דאָס רענדל,“ האָט דאָך דער מקטרג געוואונען. ער האָט אָנגעוויזן אויף דער פיל גרעסערע צאָל געשמדטע אידן, וועלכע האָבן פראַנק און פריי פאַראַטן די אידישע אמונה, ווי זיי האָבן זיך אפילו אָפּגעזאָגט פון זייערע אידישע נעמען און פון זייער אייגענער שפּראַך און מיט זיינע אַרגומענטן האָט דער שטן צעקלאַפּט די טענות פון די פאַרבאָרגענע צדיקים, די תפילות פון די „למד וואָווניקעס“ זיינען צעברעקלט געוואָרן און געבליבן ערגעץ הייגען אין די הויכע רוימען, אָבער צום כסא הכבוד האָבן זיי ניט דערגרייכט.

ב.

מנחם איז נאָך גאָר אַ יונגערמאַן געווען, קוים אַכצן יאָר אַלט, און ער האָט ניט געקאָנט באַגרייפן וואָס פאַר זיינע אויגן איז פאָרגעקומען. ער האָט געזען אַ פּראָצעסיע פון שוואַרצע מאָנאַכן, אינדערמיט אַ געבונדענעם מענטשן, האָט ער נאָכגעפאָלגט דער פּראָצעסיע; מיט אַן אָפענעם מויל האָט ער פאַרגאַפט געקוקט אויף דעם געבונדענעם און ניט אַרונטערגעלאָזט די אויגן פון אים ביז מען האָט אים אַפן עשאַפאָט געבראַכט. אַ פאַרשטיינערטער איז ער געשטאַנען און צוגעקוקט ווי די פייערצונגען האָבן אַלץ מער און מער אַרומגעכאַפט דעם געבונדענעם קערפער פון מאַרטירער און ווי די תליונים האָבן ארויפגעלייגט נאַסן פלאַקס אויף זיין האַרצן, כדי ער זאָל אַזוי שנעל ניט פאַרברענט ווערן אין גאַנצן, ער זאָל וואָס לייגער לעבן און מוטשן זיך וואָס מער. אָבער וואָס מער די פייערצונגען האָבן אים אַרומגעכאַפט אַלץ רואיקער האָט ער זיך געהאַלטן, פון צייט צו צייט בלויז אַרויסגעשריען: „שמע ישראל!“ . . .

פאַר יציאת נשמה, האָט דער קדוש אויסגעדרייט זיין קאָפּ צום עולם, אין דער ריכטונג וואו מנחם איז געשטאַנען, ער האָט אָנגעשטריינגט זיין בליק און לאַנג געקוקט אין יענער ריכטונג, ווי ער וואָלט דאָרט עמיצן געזוכט, דאַן האָט ער אפן קול אויסגערופן: "כל עם בוז . . . הפקר!"

"אָבער די וועלט וועט ניט חרוב ווערן, עס איז פאַראַן אַ ממלא מקום. . . זיין האַרץ איז ריין און לויטער ווי דער בלויער הימל אין אַ שיינעם פרימאָרגן. . . ער שטייט מיט אַ פאַרקלעמט האַרץ, אָבער ער האָט זוכה געווען און זאָל ער זיין געבענטשט."

ער איז ווידער אַנשוויגן געוואָרן, ווידער זיך איינ-געקוקט אין דער זעלבער ריכטונג, און אָנגעהויבן ריידן אין דער שפּראַך פון די אבות, מנחם'ן האָבן די קלאַנגען פון זיינע ווערטער ווי פון שלאָף אויפגעוועקט, ער האָט ניט אַלעם פאַרשטאַנען, אָבער ער האָט זיך איינגעהערט און אָנגעהויבן דערקענען די ווערטער: הפקר. . .כל. . . עם. . . בוז. . .

כל. . . עם. . בוז. . אַ גאַנצער פאָלק פאַראַכטעט, יא פאַרשטענדלאכע ווערטער, מנחם'ן איז עפּעס מאָדנע גע-וואָרן, עס האָט אים געדריקט און פאַרקלעמט פאַרן האַרצן, אָבער מיט אַמאָל האָט ער דערפילט לייכטער, זיינע אויגן האָבן זיך ברייטער צעעפנט און ער האָט דערזען צוויי ליכטיקע שטראָמען ציען זיך אַרונטער פון הימל צום עשאַפאָט צו.

צוויי ווייסע מלאכים האָט ער דערזען. זיי האָבן די נשמה פון קדוש מיט אַזויפיל וואַרימער צערטלאכקייט גענומען און שוועבן מיט איר אַרויף אין דער ווייטער טיפער בלויקייט אַריין און וואָס ווייטער און העכער צו די הימלען זיי שוועבן, אַלץ ליכטיקער ווערן די שטראַלן ארום דעם קדוש.

אַ פאַרגאַפטער איז ער געשטאַנען און נאָכגעקוקט דער העלער ווייסבלוילאַכער ליכטיקייט, וועלכע האָט דעם קדוש מיט זיינע צווי באַגלייטער פאַרהוילן ערגעץ טיף אין די הימלען און ער האָט גאָר ניט באַמערקט ווי דער גאַנצער עולם איז זיך שוין צעגאַנגען און אַז ער איז איינער אַליין געבליבן שטיין אינמיטן מאַרק. ווען דער פּאָליציי וועכטער איז צוגעגאַנגען צו מנחם'ן און געפרעגט ביי אים, ווער ער איז און וואָס ער קוקט אַזוי ערגעץ אין דער ווייט, האָט מנחם ווי פון שלאָף זיך אויפגעכאַפּט און אַרויסגע-קרעכצט... כל... עם... בוז... אַ גאַנץ פאָלק פאַר-אַכטעט!!...

דער פּאָליציימאַן, וועלכער האָט אים געפרעגט זיין נאָמען, האָט געדענקט אַז אַזוי רופט מען מנחם'ן „קאָל-אָם-בוז“ און אַזוי האָט ער אים פאַרשריבן און אַזוי איז זיין נאָמען פאַרבליבן אין דער געשיכטע.

מנחם'ן האָבן די ווערטער „כל עם בוז“ ניט אָפּגעלאָזן, ער האָט דערפילט ווי יעדעס וואָרט האָט אַ פייערשלאַנג אַריינגעוואָרפן אין זיין האַרצן און עס האָט אים געברענט און געטריבן, ער האָט אָנגעהויבן לויפן וואוהין די אויגן האָבן אים געטראָגן; ער האָט מיט אַמאָל דערפילט, אַז ער וועט מוזן עפּעס טאָן אָט דעם פייער וואָס האָט אין זיין האַרצן אָנגעהויבן ברענען אויסצולעשן, ער האָט דערפילט אין זיך אַ כוח שטאַרק גענוג אפילו דעם שטן צו באַקעמפן. עס איז געווען אַ געפאַר תפלה צו טאָן אין שטאָט און אפילו אָפן פעלד האָט די געפאַר געשוועבט: אומעטום אין יעדן ווינקעלע פון שפּאַניען האָט די אינקוויזיציע אַריינגעקוקט; די אַגענטן פון שטן האָבן איבעראַל געשטופּט זייערע נעזער און צענדליקער אידן פון די „פאַרבאָרגענע“ האָבן געפילט דעם טעם פון גיהנם אויף דער וועלט. ווען די אַגענטן האָבן זיי איבערגעגעבן צו דער אינקוויזיציע.

מנחם האָט באַשלאָסן צו ווערן אַ מאַטראָז אויף אַ שיף און האָט טאַקע באַלד געפונען אַ פּלאַץ און פון דאַן אָן פלעגט ער די מערסטע פון זיינע יאָרן פאַרברייגען אויף די ימים. ער האָט גלייך פון ערשטן טאָג באַוויזן גרויס חריפות אין זיין אַרבעט אַלס מאַטראָז און האָט אָנגעהויבן זוכן מיטלען צו קומען צום קעניג, ביי וועמען ער האָט געהאָפט צו קריגן אַ קעניגלאַכע שיף מיט אַ מאַנשאַפט און דאַן זיך אַוועקלאָזן ערגעץ אויף די וויטסטע ימים און געפינען אַ פּלאַץ וואו דער שטן האָט ניט אַזוי פיל כח. ער האָט געהאָפט צו קומען ערגעץ צום סמבטיון וואו דער שטן האָט קיין שליטה ניט און אפשר גאָר געפינען ערגעץ די פאַרלאָרענע עשרת השבטים און פון דאָרט אָנהויבן שטורמען די הימלען.

אַכצן לאַנגע יאָרן האָט ער אויף די פאַרשידענע שיפן געאַרבעט ביז ער האָט דערגרייכט זיין ציל. ווען ער איז זעקס און דרייסיק יאָר אַלט געוואָרן איז ער געוואָרן אַן אַדמיראַל, ער האָט געקראָגן דריי קעניגלאַכע שיפן מיט אַ מאַנשאַפט און האָט זיך איבער די ווייטע ימים אַוועקגעלאָזט. יעדע האַלבע נאַכט פלעגט ער זיך אַוועקשטעלן אין אַ ווינקל פון דער שיף און שטיל, אָן אַ וואָרט, די אויגן צום הימל פלעגט ער אָפּשטיין אַ שטונדע צייט און דאַן שטיל אַריין אין זיין צימער צו קיינעם אַ וואָרט ניט ריידן. ער פלעגט אַזוי שטיין אַ פאַרטיפטער און זיינע אויגן פלעגן ווי מיט פייער שפּריצן אין דעם טיפן רוים אַריין, זיין פּנים פלעגט ליכטיקער ווערן און שטייענדיק אַזוי ביים ברעג שיף האָט ער ווי אַ שווימענדער שטערן אויסגעזען.

ג.

פערדינאַנדאָ איז אַ פאַרכשופטער געשטאַנען ביים רו־דער פון שיף, אַריינגעקוקט אין דער אונענדלאַכער טיפקייט פון דער פינצטערער נאַכט און זיך געוואונדערט צי איז

ערגעץ פאַראַן אַ גרענעץ צו דער אונגעהויערער ווייטקייט און ברייטקייט וואָס ציט זיך אָן אַ סוף שוין אַזוי פיל טעג און נעכט

עס איז געווען שטיל אַרום, בלויז פון צייט צו צייט האָט אַ לייכטער גערויש די שטילקייט צעשטערט, אָבער דער גערויש איז געווען אַזאַ מילדער, אַזאַ אַנגענעמער, אַז פערדינאַנדאָ האָט אים מער ניט באַמערקט. דאָס איז געווען דער פליוסק פון די כוואַליעס, וועלכע האָבן זיך אַלע מאָל אַ שפּיל געטאָן מיט דער „סאַנטאַ מאַריאַ" — די שיף אויף וועלכער פערדינאנדא איז געשטאַנען די גאַנצע נאַכט און געהאַלטן דעם רודער, געטריבן זי אין יענער ריכטונג וואוהין דער אַדמיראַל האָט אָנגעצייגט.

אָנהויב נאַכט האָט פערדינאַנדאָ געהאַט פאַרגעניגן פון דער אונענדלאַכער ווייטקייט אין וועלכער די שיף האָט אַריינגעשוואומען אַלץ ווייטער און ווייטער; ער האָט גאָר פאַרגעסן ווי לאַנג עס איז שוין, וויפיל נעכט ער שטייט שוין אַזוי ביים רודער; ער האָט זיך ניט געקענט זאַט אָנ-קוקן אין דער שפּיל וואָס איז פאַרגעקומען פאַר זיינע אויגן; ווי די לבנה האָט איר רוקן אַנטבלויזט און געשפּיגלט זיך אין דעם אונענדלאַך ברייטן ים; ווי אַ בלאַסע ווייסקייט האָט זיך געצויגן איבערן בלוי און אויסגעטיילט זיך אין אַ באַזונדער קאָליר; ער האָט געקוקט און באַוואונדערט די אונגעהויערע שיינקייט, וועלכע האָט באַצויבערט זיין אויג און האָט אַלעמאָל אין אַנטציקונג אַרויסגעמורמלט: „אַך ווי גרויס, ווי ווייט, ווי אונענדלאַך, ווי וואונדערבאַר!"

אַרום האַלבע נאַכט איז מיטאַמאָל ליכטיק געוואָרן, דאָס איז געווען הושענה רבה. אַזאַ ליכטיקייט האָט נאָך פער-דינאַנדאָ אויף זיין לעבן ניט געזען. פערדינאַנדאָ, וועלכער האָט שוין האַלב פון זיין לעבן געהאַט פאַרבראַכט אויף די ימים האָט שוין געזען פילע וואונדערלאַכע קאָלירן אין

וועלכע דער הימל פלעגט זיך פאַרבן פון צייט צו צייט, ספּעציעל אין צייט פון זונאויפגאַנג אָדער זונאונטערגאַנג, אָבער אַזעלכעס האָט ער קיינמאָל פריער ניט געזען.

פריער איז דער הימל און דער ים געוואָרן ווי אָנגעצונדן פון אַ רויטן פייער, דאַן איז פון דער רויטקייט געוואָרן אַ פּיאָלעט קאָליר, נאָכער האָט אַ העלגרינע לבנה שיין איינגעטונקט די וועלט, דאַן איז ווידער געוואָרן רויט און די רויטקייט האָט אָנגעהויבן בלאַסער צו ווערן וואָס ווייטער אַלץ מערער, ביז די גאַנצע וועלט איז ווידער געוואָרן איין שטיק העליש פייער.

אַזאַ ווייסן, צאַרטן און אַנגענומענעם פייער-קאָליר האָט נאָך פערדינאַנדאָ קיינמאָל ניט געזען.

אין דער פייערדיקער ליכטיקייט האָט ער פלוצלינג דערזען זיין אַדמיראַל שטיין ביי דער נאָז פון שיף, ער האָט אויסגעזען ווי אַ סטאַטוע, אויסגעהאַקט פון שטיין; אָן דער מינדעסטער באַוועגונג איז ער געשטאַנען מיט די הענט אויסגעשטרעקט און די אויגן צום הימל פאַרריסן און זיין פּנים האָט אויסגעזען ווי אַ ליכטיקער שטערן וועלכער וואַרפט פון זיך די גאַנצע ליכטיקייט אויף דעם הימל און אפן ים.

אַ שטילער טרויעריקער ברום האָט זיך דורכגעטראָגן און אָפּגעקלונגען איבער דער גאַרער וועלט. צוויי גרויסע טרערן זיינען אַרונטער אין ים אריין פון כביכול׳ס אויגן און די וועלט האָט אַ ציטער געטאָן.

פערדינאַנדאָ האָט זיך דערשראָקן, אַ פאַרציטערטער איז ער געשטאַנען מיט אַן אָפן מויל, ווען דער אַדמיראַל האָט פלוצלונג אים אָנגענומען פאַרן האַנט און האָט געזאָגט, אַז ווען אַ מאַן שטייט ביים רודער פון שיף טראָגט ער די אחריות פאַר דער שיף און דערפאַר טאָר ער ניט חלום׳ען.

היטן דעם רודער מיינט היטן דאָס לעבן פון די מענטשן אויפן שיף און קיין פאַרטרויענסוועדטער מאַן טאָר אויף אַ מינוט זיך ניט פאַרגעסן ווען אין זיין האַנט געפינט זיך דער גורל פון לעבעדיקע מענטשן.

פערדינאַנדאָ האָט טאַקע ווי פון אַ חלום דערוואַכט און אַרומגעקוקט זיך אין אַלע זייטן און דערזען די נאַכט ווידער ווי אין איר אַנהויב.

ער האָט נאָכגעקוקט זיין אַדמיראַל וועלכער איז אַוועק אין זיין צימער, האָט זיך אַרומגעקוקט פון אַלע זייטן און געגאַפט. אין זיין פאַרגאַפונג האָט ער זיך אַזוי פאַרלוירן, אַז ער האָט ניט באַמערקט ווי די לבנה, וועלכע האָט אַזוי קאָקעטירט מיט איר פּראָפיל איז ניט געוואָרן. ארום און אַרום האָט ער זיין קאָפּ געדרייט, פאַרריסן אים אַרויף און געזוכט אין דער טיפער בלויקייט פון הימל; אָבער ניטאָ, זי איז פאַרשוואונדן ווי אין ים אַריין.

איינער נאָכן צווייטן האָבן די שטערן אויך אָנגעהויבן אויסגעלאָשן צו ווערן און די ווייסקייט איז אינגאַנצן פאַר־שוואונדן פון הימל. דער טונקל בלויער רוים איז אַלץ טונ־קעלער און טונקעלער געוואָרן. דער מאָרגנשטערן, וועלכער איז געבליבן דער איינציקער האָט די טונקעלע בלויקייט נאָך פינסטערער און שווערער געמאַכט און פערדינאַנדאָ האָט מיטאַמאָל דערפילט אַ מידקייט.— די הענט און פיס זיינען אים געוואָרן אַזוי שווער, אַז ער האָט מיט זיי קוים געקענט אַ ריר טאָן, ווי זיינע קליידער וואָלטן געווען פון האַרטער זאַלץ אויסגעהאַקט אַזוי האָבן זיי אים געדריקט און שווער געמאַכט די וואַך.

ער האָט מיטאַמאָל דערפילט ווי די גאַנצע נאַכט וואָלט זיך אָנגעשפּאַרט אויף אים. און ניט נאָר די נאַכט אַליין, נאָר

אַלע נעכט און אַלע טעג צייט די „סאַנטאַ מאַריאַ“ האָט זיך אין וועג אַריין געלאָזט, ווען איר שטריינגער אַדמיראַל האָט געגעבן אַ באַפעל: „פאָראויס!“

שוין זיבציק טעג און זיבציק נעכט אַז די רייזע האָט זיך אָנגעהויבן און נאָך זעט ער ניט קיין ענדע צו דער אונגע־הויערער פוסטקייט וואָס אַרום.

דער לאַמטערן, וואָס איז איבער אים געהאַנגען אַפן מאַסטבוים פון שיף האָט זיך אַ וויג געטאָן און אין דער הוידענדיקער שיין האָט ער באַמערקט עמיצן זיך דער־נענטערן, אין דעם שוואַכן אָפּשיין פון לאַמטערן ליכט האָט ער באַמערקט די באַוועגונג פון אַ מענטשן וועלכער שלעפּט נאָך איין פוס און ער האָט דערקענט, אַז דאָס איז לאָפּעז, דער שיף דאָקטאָר, און ווי נאָר ער איז נעענטער צוגעקומען האָט אים פערדינאַנדאָ אָנגעכאַפּט פאַרן אַרבל און אָפּגעשטעלט.

פערדינאַנדאָ האָט בדעה געהאַט דעם דאָקטאָר צו דער־ציילן וואָס ער האָט געזען, אָבער ער האָט זיך פאַרשעמט פאַרן חלום און אָנגעהויבן שטאַמלען.

אויף דער פראַגע צי ער פילט ניט גוט, האָט ער זיך אַנטשולדיקט און דערקלערט דעם דאָקטאָר, אַז ער האָט בלויז געוואָלט ביי אים אויסגעפינען ווען דער אַדמיראַל דיינקט זיך צוריקצוקערן אַ היים; די ימים זיינען דאָך אונ־ענדלאַך און אַז מען קען אויף זיי פאָרן יאָרנלאַנג און צו קיין ברעג ניט צוקומען.

דער דאָקטאָר האָט אויף אים אַ קוק געטאָן מיט אַ בליק וואָס איז שווער געווען פאַר פערדינאַנדאָ׳ן צו פאַרשטיין צי איז ער ברוגז אויף אים צי ניט און נאָך אַ פּאָר שטילע מינוטן האָט דער דאָקטאָר אַ שמייכל געטאָן און געענט־

פערט, אַז דער אַדמיראַל דיינקט ניט זיך צוריקצוקערן, ער זוכט אַ לאַנד, וואו ער זאָל קענען שאַפן אַ נייעם מענטש-לאַכן ישוב, אַז די פאַרפאָלגטע אין שפּאַניען זאָלן אַ מקום מנוחה קענען געפינען.

פערדינאַנדאָ האָט געוואָרנט דעם דאָקטאָר; ער זאָל ניט ריידן אַזוי הויך, אַז זיינע רייד זאָלן ניט גרייכן די אויערן פון דער מאַנשאַפט, זיי זאָלן ניט אויסגעפינען אַז עס זיינען פאַראַן אַפן שיף פאַרבאָרגענע אידן, ווייל דאַן וועט אַפילו דער אַדמיראַל וועלכער איז פריינטלאך צו אידן, אויך ניט קענען העלפן, און די פאַנאַטיקער וועלן נאָך זיי ביידן אומ-ברייננגען.

ער האָט דעם דאָקטאָר געוואָרנט און אָנגעצייגט אויף א הויכער פיגור,וועלכע האָט זיך דערנענטערט צו זיי, אָבער וועלכע עס איז נאָך אין דער טונקלקייט געווען שווער צו דערקענען.

דער דאָקטאָר האָט זיך איינגעקוקט טיף און געענט-פערט, אַז עס ניטאָ וואָס צו שרעקן זיך און אַז די פיגור וועלכע האָט זיך דערנענטערט איז פון „סיניאָר גאַנז" דער איבערזעצער, וועמען דער אַדמיראַל האָט מיטגענומען ער זאָל זיין זיין „וואָרט זאָגער" און אַז גאַנז איז געווען דער דריטער פאַרבאָרגענער איד אַפן שיף. ער האָט אויסגערופן צום קומענדן גאַנז — „שלום!"

אויך גאַנז איז געווען פאָרזיכטיק און האָט שטיל געענט-פערט: עליכם שלום! אַלע דריי האָבן פאַרבונדן אַ שמועס וועגן דער פראַגע וואָס פערדינאַנדאָ האָט פריער דעם דאָק-טאָר געשטעלט, אָבער סיי דער דאָקטאָר סיי דער איבער-זעצער האָבן ניט געקענט זאָגן קיין באַשטימטעס און זייער שמועס האָט זיך געצויגן און אַריבערגעטראָגן זיך אין שפּאַניען פון וואַנען זיי זיינען אַרויסגעפאָרן מיט **70** מעת לעת פריער.

וואָס מער זיי האָבן געשמועסט אַלץ שוידערלאכער האָבן זיך געוועבט פאַר זייערע אויגן די בילדער פון דער אינק-וויזיציע. דער דאָקטאָר האָט אַליין פאַרזוכט דעם טעם. ער איז געווען באַ די יעזואיטן אין די הענט, זיי האָבן זיין פוס צווישן צוויי קלעצער געדריקט ביז זיין פוס איז צעבראָכן געוואָרן; ער איז קוים מיטן לעבן אַרוים פון זיי, עפּעס ווי דורך אַ נס האָט זיך אים איינגעגעבן צו אַנטלויפן און דערפאַר איז ער אָנגעקומען אַלס דאָקטאָר אויף דער שיף, ווייל ער האָט באַשלאָסן איינמאָל פאַר אַלעמאָל פּטור צו ווערן פון דער „גאָלדענער" שפּאַניען מיט איר אינקוויזיציע.

גאַנץ וועלכער האָט אויסגעהערט דעם דאָקטאָר'ס דער-ציילונג האָט אַ ציטער געטאָן און אָנגעהויבן אין אַ שטילן טאָן דערציילן זיינע דערפאַרונגען, אויך ער האָט שוידער-לאַכע בילדער געמאָלן, אָבער ניט לאַנג, זיין האַרץ האָט אים אַזוי פאַרקלעמט, אַז ער האָט ניט געקענט לאַנג ריידן, אַ הייסע טרער האָט זיך אים אַריינגעקייקלט אין האַלז אַריין און אים שיר דערוואָרגן, ער האָט שטיל געכליפּעט און אַרויסגעמורמלט: „ווען אַ, גאָט, און וואו וועלן מיר שוין רו געפינען?"

פאַרטיפט אַזוי אין דעם טרויעריקן און האַרצרייסנדן געשפּרעך, האָבן זיי ניט באַמערקט ווי דער פרימאָרגן האָט זיך לאַנגזאַם ארויסגערוקט פון אונטער דער פינסטערקייט וואָס האָט אַזוי געדיכט געהילט דעם הימל.

אַ בויג פון שיף האָט זיי מיטאַמאָל דעם ערשטן אויס-געשיילטן פרימאָרגן אַנטפּלעקט. פאַר אַ מאָמענט זיינען אַלע דריי, דער דאָקטאָר, דער איבערזעצער און דער רודע-רער, ווי פאַרגליווערטע געשטאַנען, אָבער פּלוצלונג האָט פּעדינאַנדאָ ניט ווי מיט זיין שטים אויסגעשריען:

לאַנד! לאַנד!

גאַנז און דר. לאַפּעז האָבן מיט אָנגעשטריינגטע בליקן געקוקט אין יענער ריכטונג וואוהין פּערדינאַנדאָ האָט מיט דער האַנט געציינט. דורך דעם נעפּלדיקן הויך האָבן זיי דערזען פּאַלמען בוימער און זיי האָבן זיך אַלץ מער און מער איינגעקוקט שטרעקנדיק די קעפּ פאָראויס.

„לאַנד! לאַנד!" האָבן זייערע שטימען געקלונגען. פון אַלע זייטן שיף האָבן אָנגעהויבן איינציקווייז אַרויסצולויפן פון דער מאַנשאַפט, צווישן זיי איז אויך אַרויס דער אַדמיראַל אַליין. מיט אַ פּנים אויף וועלכן עס איז געווען אויסגעדריקט אי צער אי פריידן, איז דער אַדמיראַל גע־שטאַנען און מיט אָנגעשטריינגטע בליקן געקוקט אין יענער ריכטונג.

אַלע זיינען ארום אים געשטאַנען מיט אַ פאַרהאַלטענעם אָטעם און געוואַרט צו הערן אַ וואָרט פון אים.

ד.

„ענדליך!" האָט דער אַדמיראַל שטיל ארויסגערעדט, דער אָפּקלאַנג פון דעם וואָרט וואָס איז אַרויס פון אַדמי־ראַל'ס מויל האָט זיך געטראָגן טיף און ווייט און האָט פּערדינאַנדאָ'ן דערמאַנט אין יענעם טרויעריקן ברום וואָס האָט זיך דורכגעטראָגן אין דער וואונדער שיינער ליכטי־קייט האַלבענאַכט, ווען ער האָט געחלום'ט אַז ער האָט געזען צוויי גרויסע טרערן פון גאָט'ס אויגן זיינען אין ים אַריינגעפאַלן.

אַ צעטומלטער איז ער געוואָרן, פאַר אַ מינוט האָט ער ניט געוואוסט וואָס צו טאָן, דאַן האָט ער אָנגעכאַפּט דעם דאָקטאָר פאַר דער האַנט און געפרעגט צי דער אַדמיראַל איז אויך אַ פאַרבאָרגענער איד, דער דאָקטאָר האָט גע־ענטפערט אַז ווי ווייט אים איז באַקאַנט זיינען בלויז פאַראַן

אויף דער שיף דריי פאַרבאָרגענע אידן. קאָלומבוס האָט עס דערהערט, איז ער צוגעגאַנגען צו זיי און מיט אַ שמייכל געפרעגט דעם דאָקטאָר צי איז ער זיכער, אַז בלויז דריי אידן זיינען פאַראַן אויף דער שיף.

דער דאָקטאָר איז געוואָרן שטאַרק איבעראַשט, אָבער איידער ער האָט צייט געהאַט אַ וואָרט אויסצורעדן איז קאָלומבוס געשטאַנען מיט פערדינאַנדאָ׳ן ביים רודער וואו קאָלומבוס האָט אים געוואָרנט, אַז ער זאָל קיינעם ניט דערציילן אַז ער האָט צוגעזען מעשה בראשית, און אַז אָט די ניי געפונענע וועלט איז ערשט די נאַכט פון גאָט׳ס טרערן באַשאַפן געוואָרן.

דערביי האָט קאָלומבוס געמאַכט אַ ברכה איבער דער נייער וועלט און פון דער ברכה איז באַשאַפן געוואָרן אַ ווייסער מלאך.

דער מלאך האָט געשוועבט איבער דעם ברעג פון׳ם ניי געפונענעם לאַנד און האָט געהאַלטן וואַך, אַז דער שטן זאָל קיין שליטה ניט האָבן; אַז אין דער נייער וועלט זאָל ניט אַריינגעמישט ווערן דער סם פון שנאה און האַס, פון ווילדער רציחה און פאַרדאָרבנקייט וואָס דער שטן האָט פאַרזייט איבער דער וועלט און זי אַזוי פאַראומגליקלאַכט.

טאָג און נאַכט האָט דער הימלישער שליח געשוועבט איבערן ברעג און די נייע וועלט האָט אָנגעקוואָלן פון ריינער געטלאַכקייט אָן אַ טראָפּן סם פון סמאל, אָבער ווען דער אַדמיראַל האָט זיך צוריקגעקערט קיין שפּאַניען און איז אויפגענומען געוואָרן פון קעניג און קעניגין, האָט ער זיך פאַרלאָרן און ניט געוועוסט זיך ווען זיי האָבן אים געקרוינט מיטן נאָמען קריסטאָפער; דער פאַרבאָרגענער צדיק האָט זיך געפרואווט געגנשטעלן דעם נאָמען ווען עס איז שוין צו שפּעט געווען, דער מלאך וואָס האָט געשוועבט

ארום די ברעגן פון דער נייער וועלט האָט זיך דערשראָקן און אויסגעדרייט זיין קאָפּ צו דער אַלטער וועלט און איז פאַרשטיינערט געוואָרן און קריסטאָפער קאָלומבוס איז געוואָרן אַ פשוטער בשר ודם וועלכער האָט זיינע לעצטע יאָרן פאַרבראַכט אין תפיסה.

פון קאָלומבוסן ווייסט מען זייער ווייניק, יעדעס פאָלק דערציילט וועגן אים אַנדערע מעשות, אָבער דער פאַר-שטיינערטער מלאך ער שטייט נאָך עד היום ביים ברעג פון די וואַסערן מיטן פנים צו מזרח. די וועלט ווייסט אויך וועגן דעם זייער ווייניק און זיי רופן דעם פאַרשטיינערטן מלאך, די סטאַטוע פון פרייהייט.

אוריה פ. ליווי

א

פון זיין פריסטער יוגנט אָן האָט אוריה ליב געהאַט דעם ים. ווען ער איז נאָך גאָר אַ קליינינקער געווען, פלעגט ער שטענדיק ליגן ביים ברעג און מיט קנאה אין די קינדערשע אייגלאך, נאָכקוקן די קליינע שיפלאך, וואָס זיינען אַרום-געשוואומען אויף דער בלויער וואַסערפלאַך, וועלכע האָט זיך געצויגן אַזוי ווייט, ביז זי האָט צום הימל דערגרייכט.

זיינע בעסטע חברים זיינען געווען די קינדער פון די פישערס. מיט זיי פלעגט ער רעדן וועגן דעם ים, ווי שיין ער איז ווען ער איז רואיק און ווי מורא'דיק ער איז, ווען ער צעבייזערט זיך און הויבט אָן שטורמען. גרויסע כוואַ-ליעס הויבן זיך הויך ביז צום הימל און וואַרפן די שיפלאך, ווי שפּענדלאך, פון איין באַרג כוואַליע אויף דער צווייטער. דערביי פלעגט ער זיך ניט קענען אָפּלויבן פון די פירער פון די שיפלאך, וועלכע האָבן אַזוי קונציק געקעמפט מיט די גרויסע כוואַליעס ביז זיי האָבן צוריקגעבראַכט זייערע שיפלאך צום ברעג.

ניט איינמאָל פלעגט ער זיך אַרויסכאַפּן פון הויז ווען זיין מוטער איז נאָך געשלאָפן און איז אַוועק צום ברעג ים, וואו די מוטער האָט אים שפּעטער געפונען ווי אַ פאַר-גליווערטן ליגן אויסגעצויגן אויפן זאַמד, מיט די הענט אונטערגעשפּאַרט דעם קאָפּ און געקוקט אין יענער ווייט-קייט, ווי די שיפלאך זיינען מיט זייערע ווייס צעשפּרייטע זיגלען געשוואומען אין דער בלויקייט צווישן הימל און ים.

ווּיפיל די מוטער האָט געפּרוואווט אים צו וואָרנען, אַז אַ קליינער אינגל טאָר ניט גיין אַליין אַזוי פרי צום ים-ברעג, האָט ניט געהאָלפן. אוריה האָט מיט באַגייסטערונג איר דערציילט ווי שיין די זון איז אויפגעגאַנגען, ווי שיין די שיפלאַך זעען אוים מיט זייערע ווייס-צעשפּרייטע זעגלען און ווי די וואַסער פויגלען יאָגן נאָך די פישער שיפלאַך. זיינע אויגן זיינען געוואַקסן אַלץ גרעסער און גרעסער, ווען ער האָט מיט באַגייסטערונג גערעדט וועגן דעם אַלעמען, וואָס ער האָט געזען. באַזונדערס האָט אוריה ליב געהאַט צו דערציילן דער מוטער וועגן די גרויסע שיפן. ווען אַ גרויסע שיף פלעגט זיך אָפּשטעלן ביים ברעג, פלעגט אוריה שוין ארומלויפן אַ שטאַרק באַגייסטערטער צווישן די חברים און זיי רופן אָנצוקוקן די גרויסע שיף — אַפילו זיין אייגענע מוטער האָט זיך ניט געקענט העלפן און געמוזט גיין מיט אים באַטראַכטן דעם וואונדער. אוריה האָט זיך דאַן געפילט גאַנץ יום-טובדיק און שטונדן לאַנג פלעגט ער רעדן צו זיין מאַמען און איר איבערגעבן אַלע איינצלהייטן ווי אַזוי די שיף איז געבויט, ווי לאַנג און ווי ברייט זי איז, פון וואַנען זי קומט, ווי לאַנג זי וועט שטיין ביים ברעג און וואוהין זי פאָרט אָפּ. און דערביי האָט ער דער מוטער אויסגערעכנט ווי לאַנג עס נעמט אַזאַ שיף צו קומען צו די ברעגן פון ענגלאַנד און פון פראַנקרייך, פון אינדיע, פון יאַפּאַן און אַנדערע לענדער.

אָבער אַם שטאַרקסטן איז געוואקסן זיין באַגייסטערונג ווען אוריה האָט גערעדט מיט זיין חבר „דעני“. מיט אים האָט ער ליב געהאַט צו פאַרברענגען מער ווי מיט אַלעמען. ווייל דעני איז געווען אַ גוטער צוהערער. גאַנצע שטונדען פלעגט אוריה רעדן און דעני האָט מיט אַן אָפענעם מויל, אַ פאַרגאַפטער, אויסגעהערט, וואָס אוריה האָט צו דער-ציילן.

אוריה האָט געלאָזט זיין קינדערשע פֿאַנטאַזיע אַרומפֿירן זיין חבר און אים אַליין אין אַלע עקן וועלט. ער האָט אים דערציילט וועגן די גרויסע שיפֿן, וואָס פֿאָרן אַוועק אין ווייטע לענדער, וואו די לענדער געפֿינען זיך און וואָס פֿאַר אַ מענטשן עס וואוינען דאָרטן. ער האָט אים דערציילט וועגן מענטשן וועלכע האָבן נאָר איין אויג אין מיטן שטערן, וועגן קליינינקע מענטשעלאַך מיט לאַנגע צעפּ, וואָס שלעפּן זיך זיי נאָך אויף דער ערד, און פֿון גרויסע ריזנמענטשן, וועמעס קעפּ עס פֿאַרשטעלן די זון, ווען זיי גייען אַרויף אויף אַ באַרג. און טויזנטער אַנדערע זאַכן וואָס ער האָט אין זיין פֿאַנטאַזיע געזען אויפֿן ים, וועלכן ער האָט אַזוי ליב געהאַט, אַז ער וואָלט פֿון אים קיינמאָל ניט אַוועק־געגאַנגען.

ב.

בלויז איינמאָל אין יאָר פֿלעגט אוריה מיט חשק אַוועק־פֿאָרן פֿון ים און פֿאַרגעסן אָן דענין און אין אַלע זיינע איבעריקע חברים. דאָס פֿלעגט זיין ערב פּסח, ווען ער פֿלעגט מיט זיין מוטער אַוועקפֿאָרן צום זיידן, וועלכער האָט געוואוינט אַ הונדערט מייל ווייט אַוועק פֿון ים.

יעדן פּסח פֿלעגט דער זיידע אים דערציילן די מעשה פֿון יציאת מצרים. און ניט נאָר פֿון יציאת מצרים אַליין, נאָר פֿון אָנהויב אָן. פֿון יוסף׳ן און זיין גרויסקייט, דורך וועלכער ער האָט אַריבערגעבראַכט יעקב׳ן מיט אַלע זיינע קינדער צו זיך קיין מצרים, ביז משה׳ס גרויס ווערן און זיין אַרויס־פֿירן די אידן פֿון מצרים.

באַזונדערס שטאַרק אַנטציקט פֿלעגט אוריה ווערן פֿון דעם ווי אַזוי משה האָט אַריבערגעפֿירט די אידן דעם ים. שפּאַלטן דעם ים, דעם מורא׳דיקן ים און אַוועקשטעלן זיינע

ריזיקע כוואַליעס, ווי גלעזערנע ווענט צווישן וועלכע די אידן זיינען אַריבערגעגאַנגען און ניט איינגענעצט די פיס אפילו!

אוריה האָט צעעפנט אַלע קעמערלאַך פון זיין מוח און האַרץ און איינגעזאַפּט אין זיי אַלץ וואָס דער זיידע האָט דערציילט וועגן משה׳ן און אהרונ׳ען, וועגן ים און וועגן אליהו הנביא, וועלכער קומט אַריין און גיט אַ זופּ פון זיין כוס און בענטשט אַלעמען אין הויז. באַזונדערס איז אים געפעלן דער גוטער אַלטיטשקער אליהו הנביא פון וועמען דער זיידע האָט דערציילט אַזוי פיל שיינע מעשה־לאַך און ער האָט באַשלאָסן ניט איינצושלאָפן ביז ער וועט אים דערזען דעם אַלטיטשקען, קומען צום זיידן אין הויז — אַ זופּ טאָן פון זיין כוס.

מיט אַלע זיינע כוחות האָט זיך דער קליינער אוריה געהאַלטן ביים טיש ביז דער קאָפּ איז אים געוואָרן שווער. מיטאַמאָל דערזעט ער ווי עס עפנט זיך די טיר, און עס שפּאַנט אַריין דער וואונדערשיינער אַלטיטשקער. אַ הויכער איז ער, דער אַלטער אליהו, מיט אַ לאַנגער שניי־ווייסער באָרד, מיט צוויי גרויסע אויגן, ליכטיקע ווי שטערן, וועלכע ווערן אַלעמאָל איבערגעדעקט מיט געדיכטע ווייסע ברעמען און פון צווישן די ברעמען שטעקט אַרויס אַן אָדלער נאָז, אַ גרויסע, און צוויי ווייכע סאַמעטענע הענט האָט דער אַלטיטשקער אליהו. אוריה האָט זיי געפילט, ווען דער אַלטער האָט אַרויפגעלעגט די הענט אויף זיין שטערן און אים געפרעגט וואָס ער מאַכט און וואָס ער פאַרלאַנגט.

קיין סך זאַכן האָט אוריה ניט פאַרלאַנגט פון אים, ער האָט אים בלויז געבעטן, ער זאָל אים מאַכן פאַר אַ קאַפּיטאַן. דער אַלטיטשקער האָט אים געוואָרנט און געזאָגט, אַז דער ים איז פול מיט ים־רויבער, אַז ס׳איז אַ געפאַר צו זיין אַ קאַפּיטאַן, אָבער אוריה האָט אים שטאַרק געבעטן און

דער אַלטיטשקער אליהו האָט אים געבענטשט. דערביי האָט דער אַלטיטשקער געברומט אַ ניגון, וועלכן אוריה האָט קיינמאָל ניט פאַרגעסן.

איינמאָל האָט אוריה דערציילט זיינע חברים דעני און דזשים, וועגן דער מעשה פון יציאת מצרים. דעני האָט ווי אַלעמאָל אים אויסגעהערט און געשוויגן, נאָר דזשים האָט מיט אַ געלעכטער זיך אויפגעהויבן און מיט אַ חוזק גע-פרעגט ביי אים צי גלויבט ער אין אַזעלכע ניט געשטויגענע מעשות. דעני האָט זיך עפּעס מיטאַמאָל דערפילט אינגאַנצן אַ פאַרלאָרענער, ער האָט זיך אויך אויפגעהויבן און איז אַוועק מיט דזשים'ען אָבער מיט אַ טאָג שפּעטער איז ער געקומען צוריק צו אוריה'ן און אים דערציילט, אַז ער האָט געפרעגט ביי זיין אייגענעם טאַטן וועגן דער מעשה פון שפּאַלטן דעם ים, האָט אים זיין טאַטע געזאָגט, אַז דאָס איז פאַרשריבן אין דער הייליקער ביבל.

זייט דאַן האָט דעני נאָך מער זיך צוגעהערט צו אוריה'ס מעשה'לאך און געקוקט אויף אים ווי אויף אַ קינד פון אויס-דערוויילטן פאָלק, וועמען מען דאַרף ליב האָבן.

ג.

דער טאָג איז געווען אַ ליכטיקער און אַ וואַרימער. הונ-דערטער מענטשן, יונג און אַלט, זיינען געשטאַנען ביים ברעג ים און מיט הילכעדיקע קולות און הוראַ-געשרייען אַרויסבאַגלייט די נייע שיף „דזשאָרדזש וואַשינגטאָן", וועל-כע איז אָפּגעשוואומען פון ברעג אויף איר ערשטער רייזע, מיט אַ גרויסער מאַנשאַפט. גליקלאַכער פון אַלע זיינען אָבער געווען די צוויי יונגע חברים, אוריה און דען. די צוויי באַלעבאַטים פון דער נייער, מאָדערנער שיף. דער חלום פון זייער פריסטער יוגנט איז פאַרווירקלאכט געוואָרן און זיי האָבן געפילט, אַז זיי זיינען פון די גליקלאַכסטע מענטשן אויף דער וועלט.

די ערשטע דריי טעג פון דער רייזע זיינען געווען די שענסטע טעג אין זייער לעבן. אוריה האָט פאַר פרייד גע־ברומט יענעם ניגון, וועלכן ער האָט געדיינקט, פון סדר ביים זיידן, ווען ער האָט געבעטן אליהו׳ן, ער זאָל אים מאַכן פאַר אַ קאַפּיטאַן. דען האָט אַלעמאָל איבערגעלאָזט די מאַנשאַפט אַליין און איז אַרויף צו אוריה׳ן און שטייענ־דיק ביים רודער אויסגעהערט די מעשות וואָס אוריה האָט אים דערציילט, וועגן די יאָרן אין וועלכע זיי זיינען געווען צעשיידט, אוןביידע האָבן זיך געפרייט ווי יונגע קינדער; זיי האָבן גאָר פאַרגעסן, אז אין יענער געגנט וואוהין זיי האָבן די שיף געפירט, פלעגן אָפט פאַרקומען איבערפאַלן פון פיראַטן; ים־רויבער פלעגן אָפט באַפאַלן די אַמערי־קאַנער שיפן, באַראַבעווען, אַלץ וואָס זיי האָבן נאָר געקענט האָבן זיי צוגענומען און אַמאָל האָבן זיי נאָך אויך מיט־גענומען אייניקע מענטשן פון דער מאַנשאַפט אַלס גע־פאַנגענע.

פלוצלינג האָט דעני אויסגעשריען צו אוריה׳ן, אז ער זאָל אויסדרייען די שיף און זי לאָזן לויפן שנעלער צוריק, נעענ־טער צום ברעג, ווייל פון ווייטנס האָט ער דערזען אַ שיף מיט אַ שוואַרצער פאָן, דאָס איז געווען אַ פיראַטן־שיף; די ים־רויבער קומען אַנטקעגן און קענען נאָך אַלעם צונעמען ביי זיי און אפשר נאָך אומברייינגען אַלעמען.

אוריה האָט זיך אָבער ניט פאַרלוירן; ער האָט געגעבן אַ באַפעל צו זיין חבר דען, אַז ער זאָל אַרונטערגיין צו דער מאַנשאַפט און זען, אַז אַלע זאָלן דערווייל זיין גרייט, ווען די ים־רויבער וועלן אָנקומען, זיך צו פאַרטיידיקן קעגן זיי, און אַליין איז אוריה געבליבן שטיין רואיק ביים רודער, געברומט יענעם ניגון, און אַנשטאָט צו לאָזן די שיף לויפן שנעלער צוריק, האָט ער זי געלאָזט לויפן דוקא אַנטקעגן דער שיף מיט דער שוואַרצער פאָן.

די גאַנצע מאַנשאַפט איז געווען אָנגעשטריינגט און מיט שטאַרק קלאַפּנדיקע הערצער זיך געגרייט צו באַגעגענען די אָנקומענדיקע געפאַר, נאָר סטיוו, איינער פון דער מאַנ-שאַפט, וועלכער האָט געהאט גרינע ברענענדיקע אויגן, און איז שטענדיק געגאַנגען פאַרבונדן דעם קאָפּ מיט אַ רויטער פאַרטשיילקע, ער איז געווען רואיק און גלייך ווי אים וואָלט גאָר ניט געאַרט, און ער וואָלט זיך גאָר ניט געשראָקן פאַר די ים-רויבער.

ווען דען האָט אים געפרעגט וואָרום ער גרייט זיך ניט צו צו באַגעגענען דעם שונא, האָט ער געענטפערט גאַנץ קאַלטבלוטיק אַז אים אַרט ניט וואָס זיי קומען און אַז דאָס גלייכסטע אין אַזאַ פאַל איז, זיי צו באַגעגענען מיט אַ שמייכל און לאָזן זיי צונעמען אַלץ וואָס זיי ווילן, אַבי זיי זאָלן לאָזן די מאַנשאַפט צורו.

איידער דעני האָט נאָך צייט געהאט זיך אויסצוטענה׳ן מיט דעם קאַלטן סטיוו, האָט ער שוין דערזען, אַז די שיף מיט דער שוואַרצער פאָן איז נאָענט, און סטיוו האָט אויסגעשריען צו די ים-רויבער: „וועלקאָמען!"

אַ פאַרשטיינערטער איז דעני געבליבן שטיין און ניט געוואוסט וואָס צו טאָן, ווען דער פירער פון די פיראַטן איז ארויף אויף דער „דזשאָרדזש וואַשינגטאָן" און זיך געגריסט מיט סטיוו׳ן ווי מיט אַן אַלטן גוטן פריינט. אָבער איידער דעני האָט נאָך צייט געהאט צו קומען צו זיך פון שטוינונג, האָט אוריה געטאָן אַ שפרונג אַרונטער פון בריקל און פלינק ווי אַ בליץ האָט ער אַרויסגעריסן דעם שטריק פון דענ׳ס הענט און אין איין אויגנבליק זיינען שוין סטיוו מיט דעם פירער פון די ים-רויבער געלעגן געבונדענע.

אַ גאַנצן טאָג איז אָנגעגאַנגען דער קאַמף מיט די איבע-ריקע ים-רויבער, וועלכע זיינען באַלד אַרויף אויף דער נייער שיף און אָנגעהויבן צו שלאָגן די מאַנשאַפט. און ווען

די זון האָט אָנגעהויבן אַרונטערצוגיין אין ים אַריין, איז שוין אוריה ווידער געשטאַנען ביים רודער, וואו ער האָט פאַרקירעוועט די שיף אויף צוריק, צום ברעג, וואו ער האָט געוואָלט איבערגעבן די ים רויבער צום געריכט.

דעני האָט זיך גאָרניט געקענט אָפּוואונדערן פון דער העלדישקייט פון זיין יוגנט חבר, און ער האָט נאָר געפּאָדערט אַז זיי אַליין, אוריה און דען, זאָלן מאַכן אַ געריכט איבער די געפאַנגענע ים רויבער, זיי טאַקע פאַראורטיילן צום טויט, און ביינאַכט זיי אַריינוואַרפן אין ים אַריין. אוריה האָט זיך אָבער קעגנגעשטעלט. ער האָט דורכאויס געטענה'ט צו זיין חבר דען, אַז עס איז ניט יושר'דיק צו וואַרפן מענטשן אין ים אַריין. אַזאַ באַנדע דאַרף מען ברייגען פאַר'ן געריכט און זאָלן זיי דאָרט גע'משפט ווערן. ווערענד ביידע יוגנט חברים זיינען אַזוי געשטאַנען און גערעדט וועגן דעם, האָט דער ים זיך דערוויל צעשטורעמט, עס האָט אָנגעהויבן וואַרפן די שיף איבער גרויסע ים כוואַליעס און דען האָט געשטעלט די גאַנצע מאַנשאַפט אויף די פיס, ער האָט אויסגעשטעלט יעדן אויף זיין פּאָסטן און אַליין איז ער אַרומגעלאָפן פון איינעם צום צווייטן אַכטונג צו געבן, אַז אַלץ זאָל זיין אין אָרדנונג און פון צייט צו צייט איז ער אַרויפגעלאָפן צו אוריה'ן אים אָפּגעבן דעם באַריכט פון אַלעם וואָס ער האָט געטאָן און אוריה האָט אים אַלעמאָל געגעבן עצות ווי און וואו צו שטעלן יעדן איינעם פון דער מאַנשאַפט און ווי אַזוי צו האַלטן אַן אויג אויף די געפאַנגענע.

ד.

אַ גאַנצע נאַכט האָט דער ים מורא'דיק געשטורעמט. די כוואַליעס האָבן געוואָרפן די שיף ווי אַ שפּענדל פון איין כוואַליע אויף דער צווייטער; דער הימל האָט זיך פאַרוואָלקנט מיט גרויסע, שווערע, שוואַרצע כמאַרעס, וואָס

זיינען געווען ענלאך צו די מורא׳דיקע כוואליעס, און באלד האָט זיך אַ ,,מבול״ אַ גאָס געטאָן איבער דער שיף. עס האָט אויסגעזען, ווי דער גאַנצער הימל איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ ים וועלכער גיסט זיך אויס איבערן שיף. די דונערן און בליצן האָבן די מאַנשאַפט שיר בלינד געמאַכט און עס האָט אויסגעזען ווי די שיף מיט דער גאַנצער מאַנשאַפט איז פאַראורטיילט צום דערטרונקען ווערן.

די שוואַכערע פון דער מאַנשאַפט האָבן אָנגעהויבן צו ציטערן, מאַנכע פון זיי האָבן זיך געשטעלט אויף די קני, און אָנגעהויבן צו בעטן און זאָגן תפילות. דען, וועלכער איז די גאַנצע נאַכט ארומגעלאָפן פון איינעם צום צווייטן האָט זיך אויסגעשלאָגן פון די כוחות און איז געבליבן זיצן אין אָנמאַכט, אָבער מיטאַמאָל האָט ער דערפילט די שטאַר-קע האַנט פון סטיוו, וועלכער האָט אים אָנגעכאַפּט און גע-וואָרנט, אַז אויב ער וועט אַרויסריידן אַ הויך וואָרט, וועט ער אים גלייך אַריינוואַרפן אין ים אַריין.

סטיוו איז אַזוי געשטאַנען איבער אים און אים גע-פּרואווט איבעררייַדן, אַז מען דאַרף פון דעם אידן, פון ״יויזל-קרייצער״, פּטור ווערן וואָס שנעלער, דאַן וועט דער שטורם אויפהערן און זיי וועלן קומען בשלום צום ברעג. און ווערנד סטיוו האָט גערעדט איבער אים, האָט דערווייל דער פירער פון די רויבער אויפגעבונדען די איבעריגע גע-פאַנגענע און אַלע האָבן זיי איינגע׳טענה׳ט מיט דער מאַנ-שאַפט, אַז די שיף וועט אונטערגיין, אויב מען וועט דעם ,,אַנטי-כריסט״ ניט אַרונטערוואַרפן אין ים אַריין.

סטיוו האָט אַזוי לאַנג גערעדט ביז ער האָט דער גאַנצער מאַנשאַפט איינגערעדט, אַז גאָט שטראָפט זיי דערפאַר וואָס זיי האָבן איבערגעגעבן זייער שיף אין די הענט פון

אַ „גאָט-מערדער“, אַ אידן, אָבער ווען ער האָט געזען אַז דען לאָזט זיך ניט איבעררײדן, האָט ער אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, און מיט אַ דרײ-גאָרנדיקער קללה אים איבער-געלאָזט און איז אַוועק פון אים.

ווי נאָר עס האָט אָנגעהויבן שאַריען אויף טאָג, האָט דער ים אָנגעהויבן זיך אײנצושטילן. אוריה האָט בײם רודער שוין אָנגעהויבן צו זען ווי עס העלט זיך אין מזרח, ווען מיטאַמאָל האָבן פון אַלע זײטן זיך אַרויפגעוואָרפן אויף אים אַ גאַנצע מחנה; די אַלע באַפרײטע פיראַטן און אַ טײל פון דער מאַנשאַפט. זײ האָבן אוריה׳ן געבונדן, אים ארײנגעוואַרפן אין אַ קעמערל און אַוועקגעשטעלט אַ שטאַרקע וואַך פון דרײ ים-רויבער נעבן קעמערל.

ווי אַן אונטערגעשאָסענער לײב איז דעני אויפגעשפרונ-גען ווען ער האָט דערהערט וואָס דאָרט קומט פאָר און ווען ער איז צוגעלאָפן און דערזען אוריה׳ן אַ פאַרבונ-דענעם איז ער ווי פאַראַליזירט געוואָרן. פריער האָט ער געפּרואווט שרײען און בײזערן זיך, דערנאָך האָט ער געקניעט פאַר זײ און געבעטן פאַר אוריה׳ן אָבער ניט די פיראַטן, ניט די מאַנשאַפט האָבן אים געוואָלט אויסהערן.

די באַנדע האָט אָנגעהויבן רײדן וועגן אַרײנוואַרפן אוריה׳ן אין ים אַרײן, אָבער דאָ האָט דען מיטאַמאָל אויפ-געעפנט זײן גאַנצן זאַק מיט טויזנטערלײ פאַרשײדענע קללות און זײ געוואָרפן אין פּנים אַרײן; דערבײ האָט ער אויך אָנגעהויבן שפּילן די ראָליע פון אַ כשוף-מאַכער און אָנגעהויבן רופן נעמען פון שדים און רוחות און אויס-גערעכנט צענדליקער נעמען פון טײוואָלים, וועמען ער האָט גערופן צו קומען וואָס שנעלער און צעשמעטערן אַלץ וואָס אויף דער שיף מיט דער מאַנשאַפט. דאָ האָט דער קאַלטער

סטיוו פלוצלונג זיך דערנעענטערט צו אים און געפרעגט וואָס ער פאַרלאַנגט און פאַרוואָס ער איז מיטאַמאָל אַזוי ווילד געוואָרן, און ווען יענער האָט זיך ניט באַרואיקט, האָט ער אויפגעהויבן די האַנט אים צו דערלאַנגען אַ קלאַפּ, אָבער איידער ער האָט באַוויזן עס צו טאָן, איז אים פינצ-טער געוואָרן אין די אויגן און ער איז געבליבן ליגן אויס-געצויגן אויף דער שיף, מיט אַ צובלוטיקטער נאָז און דאָס גאַנצע פּנים צעריסן, פון דעם שטאַרקן קלאַפּ וואָס דען האָט אויף אים אָפּגעלאָזט.

עס האָבן זיך באַלד אויסגעשטאַלטעט צוויי באַזונדערע מחנות און די שלאַכט האָט זיך צעפלאַקערט אַזוי ווייט, אַז עס זיינען געבליבן ליגן עטלאכע מיט צעשפּאַלטענע קעפּ און צעבראָכענע הענט. ענדלאך האָט סטיוו נאָכגעגעבן. ער איז צוגעגאַנגען צו דעני'ן און האָט פאָרגעשלאָגן אַן אָפּמאַך. עס לוינט זיך ניט, צוליב אַזאַ „אַנטיכריסט", אַז קריסטן זאָלן זיך שלאָגן און אַוועקהרג'ענען זיך, ער האָט דערום פאָרגעשלאָגן צו וואַרפן גורל; ער האָט גענומען צוויי קליינע קלעצלאך אין האַנט. איינע אַ ווייסע און איינע אַ רויטע און ער וועט זיי וואַרפן צו דעני'ן. ווען די רויטע פאַלן נעענטער צו דעני'ן וועט מען אוריה'ן טויטן, ווען די ווייסע פאַלן צו דעני'ן נעענטער, וועט מען אים איבערגעבן צו דעני'ן און זאָל ער מיט אים טאָן וואָס ער וועט געפינען פאַר נויטיק.

אוריה איז געשטאַנען אַ געבונדענער און געהערט דעם אָפּמאַך און צוגעזען די גאַנצע צערעמאָניע, מיטאַמאָל דערזעט ער ווי אין חלום דעם אַלטיטשק'ן אליהו הנביא, ער דערהערט דעם ניגון און ער הויבט אַליין אָן נאָכצו-ברומען יענעם ניגון, ווען ער האָט נאָך געדענקט און ווי ער האָט געענדיקט אונטערברומען דעם ניגון, הערט ער ווי אַלע זיינען ווילד געוואָרן און שרייען: „טייוול" —

"ווייס!" סטיוו איז געוואָרן בלייך פון רציחה. זיינע גרינע אויגן האָבן גענומען שפּריצן מיט פייער. ער האָט אַ שפּיי געטאָן אויף דעני'ן און אים געזידלט.

ה.

ניט לאַנג האָט זיך געהאַלטן דאָס אַלטע קליינע שיפל אויף וועלכן דעני האָט אוריה'ן אַרונטערגעלאָזט פון דער גרויסער שיף און דערביי אים געפרעגט צי פילט ער ניט דאַנקבאַר צו אים, זיין יוגנט חבר, וואָס ער האָט אים גע-ראַטעוועט פון טויט. דאָס שיפל האָט אָנגעהויבן אָנגעפילט צו ווערן מיט וואַסער און דער שטורם אויפן ים האָט זיך ניט איינגעשטילט; די כוואַליעס האָבן דאָס קליינע שיפל געשליידערט מיט שרעקלאַכער שנעלקייט פון איין ריזיקער כוואַליע אויף דער צווייטער און אַלעמאָל האָט אָנגעהויבן אָפּפאַלן אַ שטיקל פון אַן אַנדער זייט פון שיפל. ביז וויט נאָך האַלבן טאָג האָט ער זיך געהאַלטן אויפן שיפל, ווען ער האָט מיטאַמאָל דערזען לאַנד. ער האָט דערפילט פרישער און מונטערער און שטאַרקער גענומען רודערן דאָס שיפל, פון וועלכן עס איז שוין געהאַט געבליבן ניט מער ווי די פּאָר ברעטלאַך אויף וועלכע ער איז געזעסן.

אָבער באַלד האָבן אויך די לעצטע פּאָר ברעטלאַך זיך צענומען און אוריה האָט זיך אַוועקגעלאָזט שווימען. אים האָט זיך פריער אויסגעצייגט, אַז ער וועט גאָר אינגיכן זיך צושלאָגן צום ברעג, אָבער וואָס ווייטער ער איז גע-שוואומען אַלץ שטאַרקער האָבן אים די כוואַליעס צוריק-געשליידערט. יעדער כוואַליע האָט אָנגעהויבן מורא'דיקער זיך וואַרפן אויף אים, גרייט אים אַרונטערצובריינגען אין די טיפקייטן פון ים. דערווייל האָט דער טאָג אויך אָנגע-הויבן צו פאַרשווינדן. עס איז געוואָרן טונקעלער און טונ-קעלער און ווען אוריה האָט ענדלאַך דערפילט זאַמד אונ-

טער זיינע הענט און פיס, איז שוין געווען פינצטער. אינ־גאַנצן דערשעפּט — אָן אַ טראָפּן כוח, האָט ער קוים, קריכנדיק אויפן בויך, זיך דערשלעפּט צו אַ פּאָר קוסטעס וועלכע זיינען געוואַקסן ניט ווייט פון ברעג, וואו ער האָט געפּרואווט זיך אָנצוהאַלטן און דערוויַיל אַביסל אָנרייבן זיינע פיס, וועלכע האָבן זיך שוין געפילט ווי פאַרסטאַר־טשעט — ער האָט אָנגעהויבן מאַכן מיט די הענט און מיט די פיס זיך צו דערוואַרמען און ווען ער איז געקומען אַביסל צו זיך, האָט ער אויסגעזוכט אַ פּאָר שטיינדלאַך און זיי גע־קלאַפּט אַזוי לאַנג איינעם אינעם צווייטן, ביז עס האָבן אָנגעהויבן שפּריצן פונקען פייער, אַזוי אַרום האָט ער פון דינע צווייגעלאַך פון די קוסטעס אַ פייער צעלעגט, זיך גע־וואַרעמט און געטריקנט זיין העמדל, וואָס איז געוואָרן האַרט ווי אַ שטיק לעדער און האָט געריסן שטיקער פון זיין הויט.

די גאַנצע נאַכט איז ער געווען ווי אין אַ שרעקלאַכן קאָשמאַר און מורא געהאַט אָן אויג צוצומאַכן. ערשט באַ־גינען, ווען ער האָט באַמערקט מענטשן גיין פון דערוויַיטנס, האָט ער זיך דערשלעפּט צו אַ פּלאַץ וואו ער האָט זיך גע־לעגט אָפּרוען און איז געקומען אַביסל מער צו זיך.

.ו

איבערן גאַנצן אַמעריקאַנער ברעג פון אַטלאַנטישן ים האָט זיך בליץ שנעל צעטראָגן די נייעס וועגן דעם גורל פון דער „דזשאָרדזש וואַשינגטאָן". איבעראַל האָט מען גערעדט וועגן דעם, מאַנכע האָבן עס דערציילט שטיל און פול פּחד פאַר דעם אומגליק וואָס האָט געטראָפן דער נייער גרויסער שיף. ווער ווייסט וואָס עס קען פּאַסירן מיט זייערע שיפן, ווען זיי אַליין וועלן זיין אויפן וואַסער, אַנ־דערע האָבן גאָר דערציילט מיט אַ שטילער פרייד אין

האַרצן, וואָס דער אידישער באַלעבאָס פון שיף, אוריה, האָט געהאַט אַזאַ סוף, וואָס מען האָט אים איבערגעגעבן צום ים פון וואַנען ער וועט שוין קיינמאָל צוריק ניט קומען.

עס האָבן ניט געפעלט אַזעלכע, וועלכע האָבן אַפילו געראַטן, אַז מען זאָל מאַכן אַ דענקמאָל דעם יונג-אומגעקומענעם אוריה׳ן און דערמיט צו דעקן זייער באַהאַלטענע צופרידנקייט, וואָס דער אוריה איז שוין מער ניטאָ צווישן זיי און וועלכער וועט שוין זיינע אַמביציעס קיינמאָל ניט דערגרייכן. דאָס גאַנצע וועלטל פון ים מענטשן, די רעגירונגס נייווי אַריינגערעכנט, זיינען געווען עטלאכע טעג דורכאַנאַנד פול מיט דער טראַגעדיע פון דעם יונגן אוריה׳ן און עס האָבן זיך אויסגעבילדעט צווייערליי גרופירונגען. איין גרופע האָט באַדויערט, אָבער צו דער זעלבער צייט דערקלערט, אַז מיט זיי וואָלט אַזעלכעס ניט געקענט פּאַסירן און אַז אויף אַ אידן איז אַ מצוה, זאָל ער ניט קריכן אין געשפטן וועלכע באַלאַנגען ניט צו אים; אַ צווייטע גרופע, האָט טיף באַדויערט און פאַרשטאַנען, אַז אַזאַ אומגליק האָט געקאָנט פּאַסירן מיט יעדן איינעם פון זיי און זיי האָבן צו דער זעלבער צייט אויך אָנגעהויבן פאָדערן פון דער רעגירונג שוץ ארום די אַמעריקאַנער ברעגעס פון אַטלאַנטישען ים.

ז.

אין קלוב פון די נייווי אָפיצערן איז געווען אַ פאַרזאַמלונג וואו מען האָט אַרומגערעדט די פאַרבאַרייטונגען פון אַ צאָל שיפן, וועלכע האָבן באַדאַרפט פאַרלאָזן פילאַדעלפיא און אָפּשווימען אין דער מלחמה. אין דעם קלוב האָט מען אויך רעגיסטרירט נייע מענטשן, וועלכע האָבן זיך אָנגעשלאָסן אין דער נייווי צו גיין מלחמה האַלטן מיט די שונאים פון דער נייער אַמעריקאַ.

די אָפיציעלע זייט פון דער פאַרזאַמלונג האָט זיך געענדיקט, אָבער דער עולם זיצט נאָך און שמועסט וועגן די נייעס פון טאָג, וועגן מלחמות אויפן ים בכלל און וועגן די ים רויבער, און עס קומט אויך אַרויף דער שמועס פון אוריה ליווי, און זיין גורל. אויך דאָרט האָבן ניט אַלע זיך געאייניקט און די פאַרזאַמלטע האָבן געהאַט פאַרשיידענע מיינונגען, אָבער אַלע האָבן געלאַכט וועגן דעם יונגן אוריה׳ן. דזשים, וועלכער האָט אין זיין יוגנט גאַנץ גוט געקענט אוריה׳ן, נאָר האָט איצט זיך שוין געהאַט אַרויפגעאַרבעט און שוין אויך געשפּילט די ראָליע פון אַ „נייוואימיוחס״, האָט דערציילט אַ סך וויצן וועגן אים, אַז אוריה האָט געמיינט, אַז ווי נאָר ער וועט אַרויף אויפן ים, וועט זיך דער ים שפּאַלטן און ער וועט אַריבערשפּאַצירן דעם ים אַ באַרוועסער. . .

מיטאַמאָל איז דער גאַנצער פאַרזאַמלטער עולם געבליבן דערשטוינט און מיט אָפענע מיילער אויסגעהערט, ווי איינער פון די אָפיציערן וואָס האָט אַריינגעפירט אוריה׳ן האָט אים פאַרגעשטעלט אלם נאָר וואָס אָנגעשלאָסענער פרייוויליק אין דער נייווי.

דער עולם האָט אים דאַן אָנגעהויבן אויספרעגן וועגן זיין גורל. וואו און ווי אַזוי דאָס האָט פּאַסירט, אָבער אוריה האָט ניט גערעדט קיין סך, ער האָט בלויז פאַרזיכערט, אַז דער אינצידענט איז נאָך ניט פאַראיבער און אַז די שולדיקע וועלן נאָך געבראַכט ווערן צום משפּט.

זיין שטאָלץ האָט אָבער ניט ביי אַלעמען אַרויסגערופן צופרידנקייט. אַ צאָל פון די אנוועזנדע, האָבן זיך פאַרדרייט אין אַ זייט און אַוועקגעמאַכט מיט דער האַנט. זיי האָבן זיך נאָך געברוגז׳ט, פאַר וואָס מען מאַכט אַ גאַנצן וועזן פון אַ פּשוט׳ן בחור, וועלכער האָט ניט קיין יחוס בריוו פון ים-מענטשן און דערצו נאָך אַ איד. . .

אָבער אַנדערע האָבן זיך שטאַרק פאַראינטערעסירט אין דעם יונגן אוריה'ן. באַזונדערס האָט זיך אין אים פאַראינ־טערעסירט דער קאַפּיטאַן ביי וועמען אפן שיף ער, אוריה, האָט געדינט.

אוריה האָט אין פאַרלויף פון דער דינסט אַרויסגערופן גרויסן צוטרויען פון זיין קאַפּיטאַן, סיי פאַר זיין געטרייער איבערגעבנקייט, סיי פאַר זיינע איינפאַלן וואָס האָבן איי־ניקע מאָל אַרויסגעראַטעוועט זייער שיף פון אַריינצופאַלן אין שונא'ס הענט. נאָך שטאַרקער צוגעבונדן איז צו אים זיין קאַפּיטאַן געוואָרן, ווען ער האָט אוריה'ס עצה איינמאָל ניט געוואָלט נעמען און די שיף איז פאַרנומען געוואָרן געפאַנגען פון ענגלענדער.

זייט דאַן האָט דער קאַפּיטאַן ניט נאָר אויסגעהערט אוריה'ס אַן עצה, נאָר ער איז ממש געוואָרן זיינער אַן אַנהענגער און אַלץ וואָס אוריה האָט געזאָגט איז געוואָרן ביים קאַפּיטאַן אַ גאַנצע תורה. אוריה האָט אויסגענוצט די געלעגנהייט און אויף זיין שיף האָט דער קאַפּיטאַן אָפּ־געשאַפט די מיטלאַלטערלאכע באַרבאַרישע שטראָף מיט־לען, דורך וועלכע די פאַרזינדיגטע מאַטראָזן פלעגן באַ־שטראָפט ווערן.

אָט דער אויפטו פון אוריה'ן האָט אָבער שטאַרק באַ־ליידיקט די געהילפס־קאַפּיטאַנען און אַנדערע אָפיצערן. עס איז זיי בכלל ניט אָנגעשטאַנען די מעשה, וואָס אַ מענטש וועלכער קומט ניט פון קיין הויכן ראַנג, אַ פשוט'ער בחור, נאָך אַ אידישער דערצו, וויל זיי, די מיוחסים, רעפאָרמירן. עס האָט זיך אָנגעפאַנגען אַ קאַמף קעגן אוריה'ן אָבער אוריה האָט געזיגט, דער קאַפּיטאַן האָט אָפּגעשטעלט דאָס שמייסן פון פאַרזינדיקטע מאַטראָזן און דאָס איז געווען אָנהויב פון דעם קאַמף, וועלכער

האָט שפּעטער געפירט דערצו, אז מ׳זאָל אינגאנצן אָפּשאַפן אָט די מיטלאַלטערלאכע שטראָף מיטלען אין דער אַמערי-קאַנער נייווי.

ווען די שיף, אויף וועלכער אוריה האָט געדינט, און איז געווען צוזאַמען מיט דער גאַנצער מאַנשאַפט, אַ געפאַנ-גענער אין ענגלאַנד, האָט זיך צוריקגעקערט, האָט דער שטילער קאַמף פון די אָפיצערן קעגן אוריה׳ן זיך צעפלאַ-קערט ערשט מיט אַ באַזונדער שטאַרקייט, דאָס איז געווען דאַן, ווען אוריה האָט באַוויזן גאָר אַן אויסערגעוויינטלאכע העלדישקייט.

ווען די שיף איז שוין געווען אַ האַלב וועג צוריק קיין אַמעריקאַ, האָט אוריה באַמערקט אויפן ים אויף אַ גאַנץ ווייטן שטח די „דזשאָרדזש וואַשינגטאָן", וועלכע איז גע-שוואומען אין אַ גאַנץ אַנדער ריכטונג, אָבער ווי נאָר ער האָט עס באַמערקט, האָט ער גלייך מיטן קאַפּיטאַן אָפּ-געשמועסט צו לאָזן זיך אָניאָגן די שיף. דער קאַפּיטאַן האָט ניט געהאט קיין גרויסן חשק דאָס צו טאָן. ערשטנס ווייל ער איז געווען אויף זיין וועג אַהיים און האָט ניט געהאט קיין ספּעציעלע שליחות צו כאַפּן פאַרברעכער, צווייטנס, האָט ער ניט געזען קיין שוואַרצן פלאַג אויף דער שיף און מורא געהאט, אַז אוריה מאַכט אפשר גאָר אַ טעות. אוריה האָט אָבער באַוויזן דעם קאַפּיטאַן צו איבערצייגן און טראָץ דעם, וואָס די אַנדערע אָפיצערן זיינען ניט געווען צופרידן דערפון, איז די שיף אָפּגעשוואומען אין יענער ריכטונג און אָנגעיאָגט די „דזשאָרדזש וואַשינגטאָן".

ח

דער פרימאָרגן איז געווען אַ נאַסער, אַ רעגנדיקער און ביים ברעג איז די שיף באַגעגנט געוואָרן פון עטלאכע רע-גירונגס מענטשן, וועלכע האָבן זיך געוואונדערט וואָס די

שיף שלעפּט הינטער זיך, נאָך איינע, וועלכע טראָגט ניט קיין נאָמען, אָבער וועלכע קוקט אוים ווי אַן אַמעריקאַנער שיף.

אָבער באַלד, ווי די שיף איז אַריין אין פּאָרט, איז באַקאַנט געוואָרן מיט וואָס פאַר אַ העלדישקייט אוריה, זיין קאַפּיטאַן און די פּשוט׳ע מאַטראָזן פון שיף האָבן געקעמפט און אַריינגעבראַכט די שיף, „דזשאָרדזש וואַשינגטאָן״, וועלכע איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ ים-רויבער-שיף. אַ האַלב פון דער מאַנשאַפט פון דער פּיראַטן שיף איז געלעגן פאַרוואונדעט, מיט צעבראָכענע הענט אָדער פים, און די איבעריקע — געקאָוועט אין קייטן. דער קאַפּיטאַן פון שיף האָט דאַן אָפּגעגעבן זיין באַריכט פון דער איבערגעגעבענער טרייער דינסט פון זיין מאַנשאַפט און האָט זיך ספּעציעל אָפּגעשטעלט אויף אוריה׳ס העלדישקייט און באַזונדערס אין דעם פאַל פון פאַרכאַפּן די פּיראַטן-שיף.

אוריה איז אויך שטאַרק געלויבט געוואָרן אויף דער פאַרזאַמלונג פון די אָפיצערן באַלד נאָך זיין אָנקומען און די גרעסטע צאָל אָפיצערן האָבן איינגעווילקט אוריה׳ן צו באַלוינען פאַר זיינע העלדישקייטן מיט אַ מעדאַל.

אָבער אַזוי שנעל ווי אוריה האָט דעם מעדאַל געקראָגן, האָט זיך אָנגעצונדן אַ פייער אין די הערצער פון זיינע קעגנער, באַזונדערס האָבן צוויי פון זיינע עלטערע געהילפס-קאַפּיטאַנען אָנגעהויבן אַ קאַמף קעגן אים; זיי האָבן גע׳טענה׳ט, אַז אוריה האָט געבראָכן די דיסציפּלין אויף זיין שיף מער ווי איין מאָל; אַז ער האָט צעשטערט די טראַדיציעס פון לאַנגע יאָרן אין דער נייווי און אַלע לענדער און אַז ער האָט זיך געשטעלט פילע מאָל קעגן די אָרדערס פון זיינע עלטסטע, וואָס דאָס איז דירעקטער דיסציפּלין-ברוך, פאַר וועלכן עס קומט טויט שטראָף.

אוריה ווידער האָט געטענה׳ט אַז קיין איינציק מאָל האָט ער זיך ניט קעגנגעשטעלט דעם געהילפס-אָפיצער. נאָר ווען יענער האָט זיך געראַנגלט מיט סטיוון, האָט ער מיטאמאָל אויסגעשריען צו אוריה׳ן, אַז ער זאָל אריינ-וואַרפן סטיוון אין ים אריין.

אוריה האָט ניט אַנטזאָגט זיך אויסצופאָלגן דעם אָרדער, נאָר ער האָט דערקלערט, אַז ער גייט צום קאַפּיטאַן אי-בעררעדן וועגן דעם.

אוריה האָט טאַקע גלייך געלאָזט וויסן דעם קאַפּיטאַן וועגן דעם און האָט אים דערביי דערקלערט, אַז ווען ער, אוריה, וואָלט דעם אורטייל דורכגעפירט, וואָלט מען נאָך שפּעטער געזאָגט, אַז דער ״איד האָט נקמה גענומען״.

דער געהילפס-קאַפּיטאַן האָט דאַן אויסגעשריגן צו אוריהן, אַז ער איז א ליגנער א ׳אידל׳, אָבער דאָס איז געווען די לעצטע באַליידיקונג וואָס אוריה האָט געהאט פון אים אויסצושטיין. אויף אַ דועל, וואָס איז לויט דעם מנהג אין יענער צייט, אַראַנזשירט געוואָרן, האָט אוריה דערשאָסן זיין קעגנער.

אָבער דאָס האָט שוין אַנגערירט אַ גרעסערע צאָל אָפיצערן, וועלכע האָבן ניט געקענט פאַרטראָגן אַ „רעפאָרמער" און מען האָט אוריה׳ן אָנגעהויבן צו שלעפן אַלעמאָל צו אַן אַנדער משפט, ביז מען האָט אים אינגאַנצן אַנטזאָגט פון דער נייווי, אַרויסגעוואָרפן ווי אַן אומגע-ווינשטן, און אוריה האָט אַ פאַראַטענער ארונטערגע-שלונגען זיין ווערדיקט און איז אַוועק אין פּריוואַטע געשעפטן.

ט.

אוריה האָט אָבער אַלץ ניט געקענט שלום מאַכן מיט דעם געדאַנק, אַז אפילו אין אַט דער „אויסדערוויילטער"

גרופּע מענטשן זאָלן אַלע זיין פאַרדאַרבן. האָט ער דאָך אַליין געקענט אַזוי פיל קאַפּיטאַנען, וואָס זיינען געווען ערלאַכע, שטילע, נאַאיווע נשמות, וועמען עס איז אומעג-לאָך צו באַשולדיקן אין פאַלשקייט און אין שלעכטע באַ-האַנדלונגען צו זייערע קאָלעגן.

כמעט יעדן טאָג האָט אוריה פאַרבראַכט אַ שטונדע צייט און אַמאָל מער, נאָכטראַכטנדיק דעם גאַנג פון אַלע זיינע יאָרן אין דער נייווי. ער האָט געמישט בלאַט נאָך בלאַט אין זיין זכרון און געוואָלט איצט, ווי אַ זייטיקער מענטש, באַטראַכטן זיינע אייגענע מעשים און וואָס זיינען געווען די אמת׳ע אורזאַכן, וואָס האָבן אַרויסגערופן אַזאַ פאַר-ביטערטקייט קעגן אים פון אַנדערע, וועלכע האָבן ניט אויפגעהערט אים צו פאַרפאָלגן ביז מען האָט אים אינגאַנצן באַזייטיקט פון דער נייווי.

ער דערמאָנט זיך ווי ער האָט צום ערשטן מאָל זיך אַנטוישט אין זיינעם אַ קאָלעגאַ, אַ ליוטענאַנט אויף אַ שיף, אין וועלכן אוריה האָט צום ערשטן מאָל דערזען אַ חיה אין מענטשן געשטאַלט. דאָס איז געווען באַלד נאָכדעם ווי ער, אוריה, איז געהעכערט געוואָרן אין ראַנג; אַ פריילאַכער איז ער אַרומגעגאַנגען טאָג און נאַכט און געוואָלט די גאַנצע וועלט אַרומנעמען און דריקן צום האַרצן, אַזאַ וואוילע וועלט, אַזעלכע גוטע מענטשן, יעדער איינער אַ קוואַל פון דער גוטסקייט אַליין און פלוצלינג! — ווי שוידערלאַך!

אַ גרויל איז אים איבערגעגאַנגען איבערן קערפּער, ווען ער האָט דערזען ווי איינער פון די געהילפס-קאַפּיטאַנען פירט דורך אַ שטראָף. דער אָרימער מאַטראָז איז אַ האַלב נאַקעטער געשטאַנען צוגעבונדן צו אַן אייזערנעם שטאַנג. און מיט יעדן שמיץ וואָס דער אָפיצער האָט אָפּגעלאָזט איבערן נאַקעטן קערפּער איז געוואָרן אַ בלוטיקע רייף

אַרום זיין לייב. דער מאַטראָז האָט אַרויסגעלאָזט אַ בריל ווי אַ נאַר וואָס געקוילעטער אָקס, אָבער וואָס העכער דער בריל און וואָס בלוטיקער די רייף, וואָס די שמיץ לאָזן איבער אויף דעם לייב אַלץ ווילדער איז דער אָפיצער גע־וואָרן און ווידער געשמיסן, נאָך מיט מער רציחה.

אוריה׳ן איז געוואָרן קאַלט אין אַלע זיינע אברים, זיין קערפּער איז ווי פּאַראַליזירט געוואָרן און פּאַר אַ מינוט האָט ער זיך ניט געקענט רירן פון אָרט. נאָר אַזוי שנעל ווי ער איז געקומען צו זיך, האָט ער זיך אַ לאָז געטאָן נעענטער צום אָפיצער מיט אַזאַ שטרייענגען בליק, אַז יענער האָט זיך אינגאַנצן פאַרלוירן און אַנשטאָט די בייטש זאָל פאַלן אויפן מאַטראָז איז זי גאָר געפאַלן אויף זיין אייגענעם פּנים און דער אָפיצער איז שיר בלינד געוואָרן.

אוריה וויל אָבער דאָס פּאַרגעסן, ווייל ער דערמאָנט זיך אָן אינצידענט וואָס מאַכט אים צום לאַכן נאָך איצט ווען ער דערמאָנט זיך. דאָס איז געווען באַלד נאָכן משפּט, דער קאַפּיטאַן איז ניט געווען אין גאַנצן צופרידן דערמיט וואָס מען האָט אוריה׳ן אַרונטערגעזעצט אין ראַנג און ער פלעגט אָפּט צוגיין צו אוריה׳ן אים איבערפרעגן זאַכן, וואָס צו קיין אַנדערן וואָלט דער קאַפּיטאַן קיינמאָל ניט געשטעלט אַזעלכע פראַגן. דער קאַפּיטאַן איז בכלל ניט געווען צו היימיש מיט קיינעם און דאָ מיט אים, מיט׳ן אַרונטערגע־זעצטן אוריה׳ן איז ער געוואָרן אַזוי נאָענט, כמעט אינטים; אוריה האָט דאַן אויסגענוצט די געלעגנהייט און אים דער־ציילט אַ חלום; ווי אוריה האָט געזען דזשאָרדזש וואַשינג־טאָן פליהען איבערן ים און פונקט איבער זייער שיף, איבער דער „אַלערט" און קוקט מיט אַזוינע גרויסע אויגן, ווי צוויי גרויסע לבנהס איבער דער שיף. און ער זעט ווי מען שמייסט דאָרט אַ מאַטראָז. שטרעקט ער אויס אַ האַנט, וואַשינגטאָן, און כאַפּט די בייטש און וויל זי אַריינשטופּן

דעם קאַפּיטאַן אין מויל אריין און דערוואַרגן אים מיט דער בייטש, האָט אוריה אַנגעהויבן שרייען „עקסעלענץ! דער קאַפּיטאַן איז גאָר ניט שולדיק אין דעם!" ווערט וואַ-שינגטאַן נאָך מער אין כעס און דערלאַנגט אוריה'ן איבערן קאָפּ מיט דער בייטש און שרייט דערביי: „אַלע זיינען שולדיק"!

דער קאַפּיטאַן האָט אים מער ניט געלאָזט רעדן, ער האָט אַ שטאַרק דערשראָקענער זיך אָפּגעטראָגן אין זיין קאַ-בינעט און אוריה האָט אים שוין ניט געזען ביזן צווייטן פאַרנאַכט, ווען דער קאַפּיטאַן האָט אים געשיקט רופן און געלאָזט וויסן, אַז ער וועט ווידער געהעכערט ווערן אין ראַנג, אָבער ער זאָל זיך מער ניט מישן אין זאַכן וואָס זיינען ניט נוגע אים דירעקט. אויב ער זעט אָבער ווי עס ווערן באַגאַנגען אומרעכטן זאָל ער לאָזן וויסן אים, דעם קאַפּיטאַן.

אַזעלכע און ענלאכע פאַלן ווי אוריה האָט מיט זיינע ערלאכע קאַפּיטאַנען געהאט קען ער אָנציילן אַ היבש ביסל; זעקס מאָל איז ער געשטעלט געוואָרן צום געריכט און כמעט יעדן מאָל ווען מען האָט אים פאַראורטיילט און אַרונטערגעזעצט פון זיין ראַנג, האָט באַלד דער קאַפּיטאַן אים ווידער דערהויבן, אַזוי איז דאָס געווען אויף דער שיף „אַרגוס" און אויף דער שיף „פריינקלין". די קאַפּיטאַנען האָבן אַלעמאָל געזען אַז ער, אוריה, איז אַ גוטער און געטרייער דינער און אַז זיין איבערגעבנקייט צו דעם לאַנד, צו דער פרייער רעפּובליק איז אומגעהייער און צום סוף האָט מען אים ווידער באַזייטיקט און ער האָט אַלץ ניט געקענט געפינען קיין תירוץ דערפאַר. וואָס פאַרט קען זיין די אורזאכע? האָט ער אַלץ געפרעגט ביי זיך אַליין און דערוויל טאַקע ניט אויפגעהערט נאָכצופרעגן זיך ביי אַנדערע.

י.

די נאַכט איז געווען אַן אמת׳ע בראַזיליאַנער, זייער אַ הייסע, און אוריה האָט געפילט גאָר ניט באַקוועם. ער איז אויפגעשטאַנען באַגינען זייער אַ מידער און זיך געזעצט ביים פענצטער פון זיין האָטעל אָפרוען און געהאַפּט פון ערגעץ אַ קילן ווינטל בלאָז צו דערפילן, ווען צוויי מיליציאַנטן זיינען צוגעקומען צום האָטעל און זיך נאָכגעפרעגט אויף אים.

אוריה איז פאַר א ווײלע אַ פאַרציטערטער געוואָרן. אים האָט זיך געדוכט, אַז די שונאים פון דער נייווי פאַרפאָלגן אים וואוהין ער גייט און וואוהין ער פאָרט, און אַז דאָס האָבן זיי אים איצט אָפגעטאָן אַ שפּיצל און אים אפשר נאָך פאַר׳מסור׳ט פאַר דער בראַזילישער הערשאַפט, אַז ער טוט עפּעס ניט קיין ערלאכע אַרבעט אין לאַנד, כאָטש ער איז געקומען צוליב די קאַפע געשעפטן מיט וועלכע ער האָט זיך פאַרבונדען צייט מען האָט אים פון דער נייווי באַזייטיקט.

ווען די מיליציאַנטן זיינען נאָכדעם צוגעגאַנגען צו אים און אים געלאָזט וויסן אַז דאָן פּעדראָ, דער קעניג פון בראַזיל האָט געשיקט נאָך אים, איז זיין פאַרדאַכט נאָך פאַרשטאַרקערט געוואָרן. ער האָט פאַר אַ מינוט זיך געשלאָגן מיט דער דעה, געפּרואווט מאַכן פּלענער, וואָס צו זאָגן, וואָס צו טאָן, אָבער באַלד האָט זיך דער שטאָלצער אוריה געטאָן אַ ציִ-אויס ווי אַ סאָלדאַט פאַר זיין עלטסטן און געבעטן ביי די מיליציאַנטן דערלויבעניש זיך אָנצוטאָן אין זיינע בעסטע קליידער און אַ פאַרפּוצטער איז ער געקומען צו דאָן פּעדראָ, וועלכער האָט אים זייער פריינטלאך אויפגענומען.

פעדרא האָט זיך אַרויסגעוויזן צו זיין גאַנץ גוט באַקאַנט מיט דער לעבנס געשיכטע פון אוריה, און האָט אים דער־מאָנט אין זאַכן, וועגן וועלכע אוריה אַליין האָט שוין געהאַט פאַרגעסן; ער האָט אים דערמאָנט ווי אוריה איז אַמאָל אין פראַנקרייך געוועזן גאַנץ געוואַגט, ווען ער האָט פון צוויי פראַנצויזישע אָפיצערן אַרויסגעקראָגן אַן אַנטשול־דיקונג קעגן דער אַמעריקאַנער רעגירונג, דערפאַר וואָס זיי האָבן געמאַכט חוזק פון פרעזידענט דזשעקסאָן. און נאָך ענלאַכע פאַסירונגען האָט פעדרא דערמאָנט און אוריה האָט ניט געקענט פאַרשטיין, וואָס דאָס אַלץ האָט צו טאָן מיט פעדרא׳ן און צוליב וואָס האָט ער אים באַדאַרפט.

אָבער פעדרא האָט די אַלע זאַכן אויסגערעכנט כדי צו איבערצייגן אוריה׳ן, אַז די אַמעריקאַנער רעגירונג האָט ניט די ווערט צו האָבן דעם צוטרוי פון אַזאַ איבערגעגע־בענעם מענטשן און אויב אוריה וויל נאָר, וועט פעדרא אים מאַכן פאַר זיין פלאָטן מיניסטער און דעם גרעסטן כבוד וואָס קען צו אַ מענטשן געגעבן ווערן, וועט ער אים צוטיילן.

אוריה האָט פון לאַנג פריהער געוואוסט ווער דאָן פעדרא איז. ער האָט אפילו געוואוסט אַז דאָן פעדרא איז אַליין אַרויסגעקומען פון אידן, אַז פעדרא׳ס עלטערן האָבן אָנ־גענומען דעם קאַטוילישן גלויבן נאָר אַ דאַנק דעם וואָס די אינקוויזיציע האָט זיי געצוואונגען דערצו; און אַז ער, פעדרא, איז אפילו דערצויגן געוואָרן באַהאַלטענערהייד ווי אַ איד, און אַז ער האָט געקאַנט זייער גוט די העב־רעאישע שפּראַך, אָבער דער געדאַנק, אַז ער איז אַ קעניג, איז געוועזן אוריה׳ן דערווידער.

עטלאַכע מינוטן בלויז האָט אוריה געפּראוווט שלום מאַכן מיט דעם געדאַנק, אַז אפשר זאָל ער דעם פאַרשלאַג פון פעדראן אָננעמען, אָבער באַלד האָט ער דעם געדאַנק פאַרטריבן פון זיך.

ניין, ער וועט ניט קענען דינען אפילו אַ אידישן קעניג. דער געדאַנק פון זיין אַ האַר איבער מענטשן, האָט ביי דעם פשוטן אוריה׳ן ניט געקענט פאַרנעמען קיין פּלאַץ אין מוח.

ווען פעדרא האָט אים ענדלאך געזאָגט אַז ער גיט אים צייט זיך איבערצוטראַכטן וועגן דעם, האָט אוריה אים גלייך געענטפערט, אַז ער האָט שוין איבערגעטראַכט און אַז ער וואָלט קיינמאָל ניט פאַרביטן דאָס לאַנד פון דזשע-פערסאָן פאַר וועלכן עס איז לאַנד וואָס האָט אַ קעניג, ווען אפילו דער קעניג זאָל זיין זיין אייגענער פאָטער...

דעם גאַנצן וועג צוריק אַהיים האָט אוריה געלאַכט פון פעדרא׳ן וועלכער קוקט דוקא אוים צו זיין ניט קיין נאַר, און דאָך האָט ער ניט פאַרשטאַנען, אַז עס איז בעסער צו זיין אומצופרידן אין אַ רעפּובליק, איידער אַ האַר אין אַ מאָנאַרכיע.

יא.

אין אַ שיינעם פרימאָרגן האָט זיך אוריה׳ן פאַרוואָלט אַ קוק טאָן צוריק אויף זיין יוגנט, ער איז אַוועק צום ברעג ים, וואו ער פלעגט זיינע יוגנט פרימאָרגנס פאַרברייננגען, וואו זיינע שענסטע חלומות זיינען געוועבט געוואָרן און געגאָסן אַזוי פיל כוח און מוט אין זיינע אַלע אברים, וואָס זיינען געוואָרן פעלזן-שטאַרק איבערצוטראָגן אַזוי פיל שווערע יסורים און אַנטוישונגען.

באַגינען איז ער ארוים צום ברעג און זיך אויסגעצויגן אויפן באַרג, אַביסל ווייטער פון אָרט וואו ער פלעגט אין זיין יוגנט שטונדן-לאַנג פאַרברייננגען.

די זון האָט אָנגעהויבן אַרויסגיין פון ים און איבערן ים האָבן זיך קאָלירטע שטראַלן געשטרעקט. און די שיפלאך

וואָס האָבן מיט זייערע ווײַס-צעשפּרייטע זעגלען געשוואו-מען ווײַט פון ברעג האָבן אויסגעזען ווי זיי שווימען אויף רעגנבויגנס, ניט אויפן ים.

אוריה האָט אײַנגעדרימעלט פאַר אַ ווײַלע און ווען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט האָט ער נאָכגעקוקט דעם אַל-טיטשקן, וועלכער, האָט זיך אים אויסגעוויזן, איז נאָר וואָס געשטאַנען איבער אים און געמורמלט יענעם ניגון וואָס אוריה האָט אים נאָך ניט פאַרגעסן.

יענעם טאָג איז אוריה ווידעראַמאָל גערופן געוואָרן אין נייווי, וואו ער איז אויסגעהערט געוואָרן נאָכאַמאָל וועגן זײַנע קריוודעס און אוריה האָט ניט נאָר צוריקגעוואונען זײַן שטאַנד, נאָר ער איז נאָך דערהויבן געוואָרן צום ראַנג קאָמאַדאָר, אַ ראַנג, וועלכער איז צו יענער צײַט געווען פיל העכער ווי צו זײַן אַ קאַפּיטאַן און הינטער זײַן פירער-שאַפט פון דער נייווי האָט מען מער קיין שמיץ ניט געגע-בען קיינעם.

נידער מיטן קעניג

דער טאָג איז געווען אַ הייסער און אַ שטיקענדיקער. די גאַנצע בריגאַדע סאָלדאַטען איז געווען אויסגעשטעלט אין דער פולער יוניפאָרם און געוואַרט אויף דער גרויסער גע־שעעניש. יענעם טאָג האָט דזשאָרדזש וואַשינגטאָן, דער פאָטער פון דער צפון אַמעריקאַנער רעפּובליק, באַדאַרפט אָפיציעל דערקלערן פאַר די בראַווע קעמפער, אַז די רע־וואָלוציע קעגן דעם ענגלישן קעניג איז פאַראיבער, אַז דער יאָך פון דער ענגלישער טיראַניי איז אַרונטער; די מיליטערישע פאָלקן פון ענגלאַנד אויף דעם נייעם קאָנטי־נענט זיינען פאָלשטענדיק באַזיגט, און, אַז פון דאַן אָן און ווייטער, וועט דאָס נייע לאַנד געפירט ווערן פון פרייע מענטשן.

ווי פאַר'סמ'טע מייז, זיינען די אָפיצערן פון יעדן ראַנג אַרומגעלאָפן און אַלע מאָל האָט זיך דערהערט אַ קאָ־מאַנדע: אַטענשאַן! און פאַר עטלאכע מינוטן צייט זיינען די רייען סאָלדאַטן ווי פאַרגליווערטע געבליבן שטיין, אָבער באַלד איז ווידער געקומען אַ קאָמאַנדע, וועלכע דער־לויבט די סאָלדאַטן נאָכצולאָזן אַביסל די אָנגעשטרענגט־קייט און זיין רואיקער.

אַזוי שנעל ווי די אָנגעשטרענגטקייט איז פאַראיבער, האָט פעטריק, אַ הויכער, געזונטער סאָלדאַט, וועלכער איז געשטאַנען אין פראָנט פון יהושע'ן, זיך אויסגעדרייט צו אים מיטן פנים און אָנגעהויבן חוזק מאַכן פון אים: פאַר־

וואָס גייט „דזשאָשוא" ניט אַרוים אין דער פּראָנט און נעמט ניט איבער די קאָמאַנדע, אנשטאט דעם „דזשאָרדזש וואשינגטאָן."

„עס איז דאָך געווען יהושע, וועלכער האָט געפירט די אידישע אַרמיי פון מצרים קיין ארץ ישראל נאָך משה'ס טויט; פאַר וואָס זשע, זאָלסטו, יהושע, וואַרטן אויף עפּעס אַ דזשאָרדזש וואשינגטאָן?"

עטלאַכע מאָל האָט ער אַזעלכע באַמערקונגען געמאַכט און יהושע האָט זיך אַלץ ניט ווייסנדיק געמאַכט, גלייך ווי ניט אים מיינט ער עס. פון צייט צו צייט זיינען דערווייל געקומען די קאָמאַנדעס און אַלע האָבן זיך אָנגעשטרענגט צו הערן, וואָס עס קומט פאָר, ביז ענדלאך איז ווי אַ כישוף דורכגעטראָגן געוואָרן דורך די אַלע מחנות — דזשארדזש וואשינגטאָן איז אָנגעקומען אויף זיין ווייסן פערד און דער גאַנצער ים מיט סאָלדאַטן איז געבליבן ווי אָן אָטעם. מיט אַ ציטער איבער אַלע קערפּערס האָט זיך דורכגעטראָגן די גוטע בשורה פון דעם אויבער־קאָמאַנדיר, וועלכער האָט באַדאַנקט דער רעוואָלוציאָנע־רער ארמיי פאַר איר איבערגעבנקייט און דעקלערט דאָס לאַנד אלס אַ פרייע רעפּובליק. דערביי האָט ער אויך דער־קלערט, אַז דער טאָג איז אַ יום־טוב, אין וועלכן אַלע דאַרפן זיך פרייען און אַז די סאָלדאַטן זאָלן דעם טאָג זיין פריי פון אַלע זייערע פליכטן, נאָר זאָלן זיך אַמוזירן יעדער גרופּע אויף זייער אייגענעם אופן און ווי זיי אליין געפעלט.

די גאַנצע לופט איז געוואָרן פאַרהילכט מיט די קולות און פרייד־געשרייען פון „הורא!" און די אָפיצירן האָבן אָפּגעגעבן זייערע קאָמאַנדעס צו זייערע גרופּן, אַז זיי זאָלן גיין יעדע אויף איר אייגענעם שטייגער פראַוון דעם יום־טוב פון באפרייאונג.

אָבער די פרייד און אויסגעשרייען וואָס האָבן פאַרכאַפּט יעדן איינעם, האָבן ניט באַרירט פּעטריק׳ן. ער האָט אַלץ חוזק געמאַכט פון „דזשאָשואַ׳ן“ און האָט אויך אָנגעהויבן אים צו שטורכן מיטן עלנבויגן און דערלאַנגט אַ פּאָר מאָל גאַנץ שטאַרקע „באַכענציעס.“ ביז יהושע האָט אים אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז ערשט מיט עטלאַכע מינוטן צוריק האָט „דזשאָרדזש וואַשינגטאָן“ דערקלערט, אַז אַלע זיינען גלייכע אין דער באַפרייטער מדינה. אָבער איידער ער האָט נאָך געענדיקט, האָט פּעטריק אין אַ זייער באַליי-דיקנדן טאָן אויסגעשריען, אַז אידן, זיינען ניט ווילקאָמען און אַז זיי זיינען שמוציק און קענען ניט זיין גלייך מיט אַלע. אָט די באַמערקונג האָט שוין יהושע׳ן אַזוי אויפגע-בראַכט, אַז ער האָט אונטערגעטראָגן אַ קולאַק אונטער פּעטריק׳ס נאָז און באַפוילן צוריקצונעמען די באַליידי-קונג אָדער ארויסגיין אויף געשלעג.

די אַרומיקע סאָלדאַטן האָבן זיך צעלאַכט, ווייל פּעטריק איז געווען פיל געזינטער און שטאַרקער פון יהושע׳ן, אָבער יהושע איז באַשטאַנען אויף זיינעם, אַז ער וועט ניט אויפגעבן און אויב פּעטריק ציט ניט צוריק זיין באַליידי-קונג, מוז ער זיין גרייט פאר א קולאַקן דועל. פּעטריק האָט דעם גאַנצן ענין גענומען מיט אַ חוזק שמייכל, עס האָט זיך ביי אים דערוועקט זיין „ספּאָרט“ געפיל און ער האָט ניט געוואָלט זיך שלאָגן מיט אַ קלענערן און שוואַכערן פון זיך. יהושע האָט אָבער ניט אָפּגעלאָזן, ער האָט אויס-געשטרעקט זיין האַנט און מיטן גאַנצן כוח אָפּגעלאָזט זיין קורצע הענטל אין פּעטריקס רעכטן אויג און עס איז פּעטריק׳ן געוואָרן פינצטער איןביידע אויגן. פּעטריק האָט זיך שוין ניט געקענט מער קאָנטראָלירן און גענומען שלאָגן יהושע׳ן. אָבער איידער ער האָט געקענט דערלאַנגען יהושע׳ן דעם ערשטן קלאַפּ, האָט ער דערפילט אַ שטאַרקע

האַנט האָט אים אַרומגענומען און דער גאַנצער עולם, וואָס איז געשטאַנען אַרום איז ווי פאַרגליווערט געבלי-בען. — וואַשינגטאָן אַליין האָט באַמערקט פון ווייטן וואָס צווישן די צוויי סאָלדאַטן קומט פאָר, און ער האָט זיי אָנגענומען ביידען פאַר די הענט און אָפּגעשטעלט.

אין אַ שטרענגן טאָן האָט וואַשינגטאָן באַפוילן אַז זיי זאָלן גלייך דערקלערן, ווער עס איז שולדיק. אָבער נאָך איידער פּעטריק האָט צייט געהאַט צו ענטפערן, האָט שוין יהושע מודה געווען, אַז ער איז געווען דער ערשטער וואָס האָט אויפגעהויבן די האַנט קעגן זיין חבר אין דער אַרמיי. פּעטריק האָט זיינע אויגן און זיינע אייגענע אויערן ניט געגלויבט; ער האָט זיך ניט פאַרגעשטעלט, אַז יהושע, וועמעס כעס ער האָט אַרויסגערופן מיט זיינע באַליידיגונ-גען, זאָל זיין אַזוי אָפּנהאַרציק און ער האָט פאַר אַ מינוט ניט געוואוסט וואָס צו טאָן און וואָס צו זאָגן.

וואַשינגטאָן האָט דאַן מיט אַ גוטמוטיקן שמייכל געזאָגט, אַז עס איז יום-טוב פון באַפרייאונג און דערפאַר וועט ער זיי ביידע באַשטראָפן דערמיט, וואָס זיי זאָלן ביידע אַוועק זיך אַמוזירן, וואו זיי וועלן אַליין אויסקלייבן, אָבער זיי מוזן פאַרגעסן דעם אינצידענט, וואָס איז פאַרגעקומען צווישן זיי און אויף מאָרגן זאָלן זיי ביידע אָפּגעבן אַ באַ-ריכט צו זייער עלטסטן אין ראַנג, וואו זיי זיינען געווען און ווי אַזוי זיי האָבן זיך פאַרבראַכט.

פּעטריק און יהושע זיינען ביידע אָפּגעגאַנגען אַ ווייטע שטרעקע און ניט גערעדט קיין וואָרט צווישן זיך. פּעטריק איז אַלץ געווען רויט און אויסגעקוקט אין כעס, אָבער יהושע האָט אַלעמאָל געטאָן אַ קוק אויף אים ווי אַ פאַר-שעמטער, און ניט געוואוסט וואָס צו טאָן און וואָס צו זאָגן.

דאַן האָט ער מיטאַמאָל זיך אָנגענומען מיט מוט און דער־קלערט פּעטריק׳ן אַז ער האָט זיך ניט געקענט מער קאָנ־טראָלירן, אַז אַזוי לאַנג ווי ער, פּעטריק, האָט יהושע׳ן אַליין געטשעפּעט האָט אים ווייניק געאַרט, אָבער ווען ער האָט שוין אָנגעהויבן באַליידיקן די אידן אין אַלגעמיין, האָט ער שוין דאָס ניט געקענט איבערטראָגן מער.

פּעטריק האָט אויסגעשטרעקט זיין האַנט צו יהושע׳ן און געבעטן אַנטשולדיקונג. ער האָט שטאַרק חרטה, וואָס ער האָט זיך נאַריש געמאַכט, אָבער נאָך מער איז ער דאַנקבאַר צו יהושע׳ן פאַר וואָס ער האָט ניט דערציילט „דזשאָרדזש וואַשינגטאָן“ צוליב וואָס דער געשלעג איז אַרויסגעקומען. ער ווייסט, אַז ווען דער אויבער־קאָמאַנדיר וואָלט געוואוסט פאַר וואָס דאָס איז פאַרגעקומען, וואָלט פּעטריק שטאַרק באַשטראָפט געוואָרן. ער האָט דאַרום זייער געבעטן "דזשעשואַ׳ן", אַז ער זאָל אים מוחל זיין און פאַרזיכערט אים זיין אייביקע פריינטשאַפט און איבער־געבנקייט.

אַזוי זיינען זיי ביידע געגאַנגען און געבעטן איינער דעם צווייטן אַנטשולדיקונג, ווען זיי האָבן מיטאַמאָל דערזען אַ גרויסן עולם מיט מענטשן, פון וואַנען עס האָבן זיך גע־טראָגן ווילדע קולות: „לינטשט אים! לינטשט אים!“ און ביידע חברים האָבן זיך געלאָזט צו דעם עולם און קוים זיך דורכגעריסן צווישן זיי צוצוקומען צום פּראָנט.

ווי פאַרציטערט זיינען זיי געוואָרן, ווען זיי האָבן דערזען ווי עטלאַכע ווילדע ברואים האַלטן אין בינדן אַן אַלטיטש־קען מאַן, אַ „טאָרי,“ און דער גאַנצער עולם איז ווילד פאַר פרייד און וואַרט שוין מיט אומגעדולד, אַז מען זאָל דעם אַלטיטשקען אויפהיינגען אויף אַ בוים, וואָס איז דאָרט געשטאַנען דערנעבן.

יהושע און פּעטריק האָבן זיך איבערגעקוקט און פּעטריק האָט פאַרשטאַנען אין יהושע׳ס בליק, אַז ער גייט עפּעס טאָן: ער האָט דערפאַר אים אָנגעכאַפּט פאַר דער האַנט און אים ניט געלאָזט גיין ווייטער און נעענטער צום אַלטיטש-קען, ער האָט אים געוואָרנט, אַז דער גאַנצער עולם איז צו ווילד און אַז מען וועט נאָך מיט אים טאָן דאָס זעלבע וואָס מיט דעם אַלטן. אָבער יהושע האָט זיך ניט איבערגע-שראָקן; ניט ווייט איז דאָרט געשטאַנען אַ שטיינערנער פּעדעסטאַל און אויף אים אַ סטאַטוע פון ענגלישן קעניג: יהושע איז ארויפגעשפּרונגען אויף דעם פּעדעסטאַל און אויסגעשריען:

„פרייע מענטשן פון פרייען לאַנד! פון וואַשינגטאָנ׳ס אַרמיי קום איך צו אייך, און איך וויל אייך באַגריסן מיט׳ן זיג איבער דעם קעניג פון ענגלאַנד, וועלכער האָט אונז געוואָלט פאַרשקלאַפן.“

דער גאַנצער עולם האָט זיך געלאָזט הערן וואָס עס האָט צו זאָגן אַ שליח פון דזשאָרדזש וואַשינגטאָנ׳ס אַרמיי. און יהושע האָט פאָרטגעזעצט:

„מיין חבר פּעטריק, וואָס איז דאָ מיט מיר איז מיין עדות, אַז דזשאָרדזש וואַשינגטאָן האָט היינט אויסגערופן אַלס יום-טוב פון פרייהייט און פרידן. דערפאַר דאַרפן אַלע יעניקע, וועמען וואַשינגטאָן איז טייער, קיינעם היינט ניט טשעפּן און קיין בלוט ניט פאַרגיסן.“

אין עולם האָט זיך שוין אָנגעהויבן אַביסל אומצופרידענע אויסדרוקן צו הערן, אָבער יהושע האָט ווייטער גערעדט: „אָבער דעם קעניג׳ס קאָפּ מעג מען אפילו היינט, אין דעם גרויסן יום-טוב, ארונטערנעמען.“

אַ ווילדער פרייד-געשריי האָט זיך ארויסגעריסן פון אַלע העלזער און יהושע האָט שוין געגעבן אַ באַפעל אין נאָמען פון וואַשינגטאָן, אַז מען זאָל אים גלייך דערלאַנגען דעם שטריק מיט וועלכן מען האָט געבונדן דעם אַלטן „טאָרי,“ ”דעם גאָרניט“, אַן אַלטער מאַן, וואָס האָט קיין באַ-טרעף און קיין באַדייטונג ניט. אָט די סטאַטוע, האָט ער אָנגעוויזן, איז דער סימבאָל פון דעם טיראַן, וועלכער האָט אונז געוואָלט פאַרקנעכטן אים דאַרף מען ארונטערוואַרפן. באַלד האָט ער שוין דעם שטריק אַרומגעבונדן אַרום דער סטאַטוע און ער מיט פּעטריק׳ן האָבן אויסגעשטעלט די מענטשן אין צוויי רייען, יעדער איינער זאָל מיט איין האַנט נעמען פאַר׳ן שטריק און ווי ער האָט אויסגעשריען: „נידער מיט׳ן קעניג!“—האָט דער גאַנצער עולם גענומען נאָכ-שרייען און באַלד איז די גרויסע מאַרמאָרנע סטאַטוע גע-לעגן אויף דער ערד צעבראָכן אויף שטיק-שטיקלאַך, ווע-רענד דער אַלטער „טאָרי“ איז געראַטעוועט געוואָרן פון טויט.

אויף מאָרגן איז פּעטריק געקומען צו זיין עלטסטן און דערציילט ווי ”דזשעשוא“ האָט געראַטעוועט אַן אַלטן מענטשן פון זיכערן טויט און ווי ער, פּעטריק, האָט גע-האָלפן זיין חבר אַרונטערצורייסן דעם קאָפּ פון ענגלישן קעניג.

תקיעת כף

א

עס איז געווען א ליכטיקער, א זוניקער פרימאָרגן. שטונדנלאַנג האָבן איבער די גאַסן פון קיעוו זיך געצויגן גאַנצע מחנות סאָלדאַטן אין זייער פולסטער יוניפאָרם. אין דער שיין פון דער בלענדנדיקער אוקראַינער זון, האָט גע־פינקלט און געשפריצט מיט אויגנבלענדנדיקע פונקען פון די באַיאָנעטן וואָס די סאָלדאַטן האָבן געטראָגן עס האָט געשפריצט מיט שיין און ליכט פון די מעשענע קנעפּ, פון די מונדירן, פון די שפּאָרן, פון די בלויזע שווערדן וואָס די אָפיצערן פון אַלע ראַנגען האָבן געטראָגן און באַזונדערס שטאַרק האָבן געוואָרפן גאַנצע בונטן ליכט די גרויסע מע־שענע טרובעס וואָס די מוזיקאַנטן האָבן געטראָגן. עס האָט אויסגעקוקט ווי די סאָלדאַטן האָבן פאַרכאַפּט און געוואָלט מיט זיך מיטנעמען די גאַנצע ליכט פון פרימאָרגן און פאַר־טראָגן זי אַהין צום ברעג דניעפּר וואוהין דער פאַראַד האָט זיך געצויגן.

דער פאַראַד האָט זיך געצויגן איבער דער גאַנצער שטאָדט און די מוזיק האָט אָפּגעקלונגען ווייט און ברייט איבער די גאַסן און אָנגעזאָגט די בשורה אַז עס איז אַ גרויסער יום טוב. פון אַלע זייטן, איבער אַלע גאַסן, האָבן די מחנות סאָלדאַטן, יעדע מיט אַ מוזיק קאָמאַנדע פאַר־אוים — פאַראַדירט. אַלע זיינען געגאַנגען צום באַשטימטן פּלאַץ—ביים דניעפּר.

ווען דער גאַנצער גאַרניזאָן סאָלדאַטן איז שוין געווען אויסגעשטעלט אויף מיילן ווייט ביים ברעג טייך, האָבן אַלע מוזיק קאַפּעליעס צוזאַמען געשפּילט אַ „זיג-מאַרש“ און איבער מיילן ווייט האָט דער באַפעל פון קאָמאַנדיר אַלעם געבראַכט אין פאָלשטענדיקער אָרדנונג.

„סמירנאַ!“ — האָט אָפּגעקלונגען טיף אין דער לופטן און באַלד צוריקגעקומען מיט אַ מאָדנע שטאַרקן ווידער-קול און אַלץ איז מיטאַמאָל אַזוי ווי פאַרגליווערט געוואָרן. .

אין דער שטילקייט אַריין האָט זיך אָבער באַלד אַריינ-געריסן אַ מאָדנער געקלאַנג פון גלעקער. אַלע קלויסטערס פון דער גרויסער שטאָדט קיעוו, „פּערציק מאָל פּערציק“ אין צאָל האָבן צעקלונגען דעם יום טוב און אָנגעזאָגט דער וועלט אַז דער גרויסער טאָג איז געקומען; דער „הייליקער טאָג“ אין וועלכן הונדערט מיט צוויי און דרייסיק יונגע סאָלדאַטן ווערן געהייליקט, ווערן אַריינגעבראַכט אין די רייען פון די „פּראַוואָסלאַווגע“, הונדערט מיט צוויי און דרייסיג יונגע סאָלדאַטלאַך, קיינער פון זיי האָט נאָך דעם צוואַנציגסטן יאָר עלטער ניט דערגרייכט, ווערן איבער-געגעבן צו דער גריכיש-אָרטאָדאָקסישער קירכע.

אָט די יונגע הונדערט צוויי און דרייסיק, זיינען געגאַנגען אין אַ באַזונדער פּאַראַד; דורך אַ ספּעציעלן מאַרשרוט זיינען זיי געפירט געוואָרן פון אַ ספּעציעל באַשטימטן פירער—פאָלקאָווניק פּעטראָוו.

פריער זיינען געגאַנגען אַ גאַנצע מחנה שוואַרץ גע-קליידעטע מאַנאַכן, נאָך זיי איז נאָכגעגאַנגען אַ מחנה פאָנען און צלמים טרעגער; דאַן האָט נאָכגעפאָלגט די יונגע ראָטע, די הונדערט צוויי און דרייסיק סאָלדאַטלאַך, אָן דער שפּיץ פון דער ראָטע האָט אויף אַ ווייסן פערד געריטן „מאַיעסטעטיש“ דער פאָלקאָווניק פּיעטראָוו. נאָך זיי

ווידער איז נאָכגעגאַנגען אַ מחנה צלמים און פאָנען טרע-גער, דאַן ווידער מאַנאַכן אין ברוינע קליידער און ביי די זייטן — יונגע אָפיצערן מיט בלויזע שווערדן.

ווען אַט דער לעצטער צווייג פון פּאַראַד האָט דערגרייכט צום צענטער וואו די סאָלדאַטן מחנות זיינען געווען אויס-געשטעלט אַרום ברעג, האָבן די מוזיק קאַפּעליעס זיי ערשט אויפגענומען מיט דעם באַרימטן צאַרישן זיג-מאַרש און מיט דער הימנע, דאַן האָט זיך אָנגעהויבן די פּראָ-צעדורא פון אָפּשמדן די הונדערט און צוויי און דרייסיק, די יונגע ראָטע.

פינף און צוואַנציג גלחים און אַ פּאָר הונדערט מאַנאַכן האָבן געזאָגט אַ תפילה, און ווידער האָבן די קלויסטערס זיך צעקלונגען אין אַלע גלעקער. דער פירער פון דער יונגער ראָטע, פאָלקאָווניק פּעטראָוו, האָט געגעבן דעם באַפעל: „אויסטאָן זיך און אריין אין וואַסער!“ די קאָ-מאַנדע איז בליץ שנעל דורכגעפירט געוואָרן. די גלחים האָבן ווידער געפּרעפּלט און אַ צווייטע קאָמאַנדע האָט זיך דערהערט: “אונטערטונקען זיך!“ — אַלע 132, ווי איינער, האָבן זיך אונטערגעטונקט אין וואַסער, אָבער ווען דער דריטער אויסגעשריי איז געקומען: — „אַרויס!“ האָבן בלויז דריי זיך אויפגעהויבן פון וואַסער. די דריי זיינען געווען אַרמענישע אינגלאַך. די איבעריקע הונדערט ניין און צוואַנציק אידישע בחורים האָבן אַלע ווי איינער, באַשלאָסן בעסער דערטרונקען צו ווערן איידער לאָזן זיך שמדן. זיי האָבן זיך נאָך פון פריער די הענט געגעבן, אז זיי וועלן אַזוי האַנדלען און ווען די קאָמאַנדע איז גע-קומען, האָט איינער בלויז אויפגעהויבן די האַנט, כדי אָלעמען צו דערמאָנען דעם תקיעת כף וואָס זיי האָבן זיך געגעבן, זיי זיינען אַרונטער אין וואַסער און קיינער האָט זיך ניט אויפגעהויבן.

ב.

וואַכנלאַנג איז דער פּאָלקאָווניק געווען קראַנק. די בעסטע דאָקטוירים וואָס רוסלאַנד האָט צו יענער צייט געהאַט, האָבן אים באַהאַנדלט, אָבער זיי האָבן אים ניט געקאָנט העלפן. ער האָט געזען די האַנט... די האַנט וואָס איינער פון די דערטרונקענע האָט אויסגעשטרעקט. אָט די האַנט האָט דעם פּאָלקאָווניק אײנגאַנצן באַהערשט, זי האָט אים אָנגענומען און האָט אים געפירט צוריק אַ היים, אין יענעם קליינעם שטעדטל, אָן וועלכן ער האָט שוין לאַנג געהאַט פאַרגעסן, אָבער וועלכעם ער האָט מיטאַמאָל ווידער דערזען אַזוי נאָענט, אַזוי בולט, אַז ער האָט אפילו איינצעלנע שטימען געקענט הערן פון נאָענטע מענטשן און באַזונדערס די שטימע פון זיין מאַמען. גאַנצע טעג און נעכט האָט זי געקלונגען, די שטימע פון דער מאַמען, און זיך געבעטן ביי אים:

„זון מיינער, גיב מיר דיין האַנט, אַ תקיעת כף גיב מיר, אַז דו וועסט דאָס רענדל ניט איבערבייטן!...“

באַזונדערס שטאַרק האָט פּעטראָוו געליטן אין די שלאָפלאָזע נעכט. ער האָט יעדע נאַכט געזען דאָס בילד, דאָס העלדישע בילד פאַר זיך, ווי הונדערט ניין און צוואַנציק אַנטשלאָסענע אידישע קינדער, יונג און פריש און צאַפּלדיק, אָבער וועלכע האָבן ניט געוואָלט אַז מען זאָל אויף זיי אַרויפצווינגען אַ גלויבן, זיינען בעסער גע־שטאַרבן איידער דערלויבן עמיצן זיי צו דיקטירן ווי אַזוי צו לעבן.

פּיעטראָוו האָט געזוכט אַלעס צו פאַרגעסן. ער איז אַרומגעפאָרן, אַרומגעלאָפן צווישן באַקאַנטע און פריינט, געפירט זיין פּאָלק אין בעסטער אָרדנונג, נאָר אַזוי שנעל ווי ער איז אַוועק פון זיינע פליכטן און געבליבן מיט זיך

אַליין, איז ער געפּייניגט געוואָרן פון די פאַרשיידענע זכרונות, וואָס זיינען דורך יענער האַנט ארויסגערופן געוואָרן ביי אים. יעדע פרייע מינוט אין טאָג איז געוואָרן אַ גיהנם פאַר אים. אַזוי ווי ער האָט נאָר איבערגעלאָזט זיינע מיליטערישע פליכטן, אַזוי פלעגט ער אָנהויבן דערזען פאַר זיך יענע שרעקלאַכע טעג פון זיינע יונגע יאָרן, וועלכע זיינען איצט געווען באַהויכט מיט אַזאַ מאָדנע הויך וואָס האָט געזילבערט ווי טוי-טראָפּנס באַגינען, אויף גרינע בלעטער, אָבער וועלכע האָט צו דער זעלבער צייט אָנגעוואָרפן אַ פּחד און אַ גרויל אויף דעם פּאָלקאָווניק פּעטראָוו און ער האָט אָנגעהויבן ארומגיין אַ מעלאַנכאָלישער און אַ צעטראָגענער.

איינמאָל האָט ער זיין פרוי גאָר איבערגעשראָקן: פון דער העלער הויט, האָט ער זיך צעלאַכט מיט אַזאַ היסטערישן געלעכטער, אַז זי האָט אים פאַר אַ לענגערער צייט ניט געקענט באַרואיקן. דאָס האָט ער זיך דערמאָנט אין יענעם שווידערלאַכן מאָמענט, וועלכער האָט אויך אַ היבש ביסל קאָמישעס געהאַט אין זיך.

די אַלע גלחים און מאָנאַכן האָבן אויסגעקוקט אין יענעם מאָמענט ווען די קינדער זיינען ניט אַרויס פון „הייליגן" וואַסער ווי צעשראָקענע מאַלפּעס; עפּעס האָבן זיי געפּישטשעט און געקוויטשעט און זייער לשון האָבן זיי אַליין ניט פאַרשטאַנען; די „פּערציק מאָל פּערציק" קלויסטערס האָבן אין אַלע גלעקער אויסגעקלונגען די פרייד, די שמחה פון צוקריגן אַ גאַנצע ראָטע יונגע אידישע סאָלדאַטן און צום סוף האָבן זיי גאָר זיך געהייליגט אויף אַ גאַנץ אַנדער אויפן... די אָפיצערן האָבן אויף שנעל געפירט צוריק זייערע מחנות סאָלדאַטן און באַפוילן צו זינגען ווי „אַליעג האָט די כאָזארן באַשטראָפט" און איי ניקע סאָלדאַטן צווישן זיך האָבן זיך געבייזערט און געוואָרטשעט: „אַזעלכע זשידעס, אַזעלכע מאַשעניקעס!..."

דאָס אַלעס צוזאַמען האָט ביי אים איינמאָל אַרויסגערופן אַזאַ געלעכטער, אַז ער האָט ניט געהאט בכוח אויפצוהערן אַזוי שנעל. און זיין פרוי האָט חושד געווען אַז ער איז אַרונטער פון זינען. אָבער דאָס האָט בלויז איינמאָל פּאַסירט. מערסטנס איז ער אַרומגעגאַנגען מעלאַנכאָליש און צעטראָגן און אויסגעמיטן צו באַגעגענען זיך מיט אייגענע און היימישע. אפילו די אייגענע פרוי האָט ער געוואָלט זען וואָס ווייניקער, ווייל וואָס מער ער איז געווען נעבן איר, אַלץ מער האָט זי אָנגעהויבן דערמאָנען אָן זיין מוטער, און צייט ער איז קראַנק געוואָרן האָט ער גאָרניט געקענט איבערטראָגן איר צער. זי האָט אים געקעכלט און געציטערט איבער אים פּונקט ווי זיין מאַמע האָט עס געטאָן אין די לעצטע טעג איידער ער האָט זיך מיט איר צעשיידט. ער האָט אָנגעהויבן זוכן אין דער פרוי'ס אויגן דער מאַמעס צער, נאָר אים האָט זיך געדוכט אַז דאָס איז ניט דאָס זעלבע, כאָטש ער האָט ניט געקאָנט דערמאָנען זיך אין איין פאַל דורך וועלכען ער זאָל קאָנען חושד זיין אַז זיין פרוי מיינט ניט וואָס זי זאָגט, דאָך האָט ער אָבער עפּעס מיטאַמאָל אָנגעהויבן צו צווייפלען אין דעם ערנסט פון איר צער.

עס האָט נאָך געפירט דערצו אַז ער פלעגט די פרוי ניט באַהאַנדלען ווי אַלעמאָל און זי האָט עס אויך דערפילט און ניט געוואוסט וואָס צו טאָן. זאָל זי עס צושרייבן צו זיין קראַנקייט, אָדער איז ער צוליב עפּעס אַנדערש אויפגערייצט און אויפגעטראָגן; זי האָט אָבער אַלץ געוואָלט אים מוחל זיין און דערפאַר האָט זי אים אַלץ מער געצערטלט, אָבער וואָס מער זי האָט פאַרזוכט אים צו העלפן אַלץ מער האָט עס אים פאַרשאַפט שרעקלאַכע יסורים; עס האָט אים געפייניקט און זיין האַרץ איז שיר

צעריסן געוואָרן און ער האָט שוין אפילו באַשלאָסן, אַז דער בעסטער אויסוועג וואָלט זיין ער זאָל באַגיין זעלבסט-מאָרד.

אַ שטאַרקער געשריי פון צווייטן צימער וואו זיין קינד איז געלעגן קראַנק, האָט יענעם אוונט דעם זעלבסטמאָרד פּלאַן צעשטערט. דאָס קינד איז זייער קראַנק געווען און ווען די מוטער האָט דערזען אַ שלעכטע מינע אַפן קינד וועלכעס איז געלעגן כמעט ווי א גוסס, און האָט ווי ניט מיט איר קול אַ געשריי געטאָן, איז פּעטראָוו אַריינגעלאָפן אַהין. ער האָט דערזען דאָס קינד אין אַ שטערבלאַכן צושטאַנד און עס האָט אים פאַרקלעמט ביים האַרצן. די האַרצרייסנדע וויגעשרייען און דאָס יאָמערן פון דער מוטער האָבן אויך געהאט זייער ווירקונג און דער באַ-וועגלאָזער און שטומער פּעטראָוו, וועלכער האָט שוין געהאט געזען דעם טויט פאַר די אויגן און שוין גאָרניט געהאט בכוח צו דענקען, האָט מיטאַמאָל געבאָרן אַ גע-דאַנק: „פריער פאַררעטן די מאַמע און איצט פאַררעטן אַן אייגן קינד, וועלכער פאַרברעכן וועט זיין א גרעסערער?“

ג.

צייט איר מאַן איז געשטאָרבן האָט נעמי קיין איין גוטע מינוט ניט געהאט; פאַרהאָרעוועט און פאַריאָגט האָט זי אפילו ניט געהאט דעם פאַרגעניגן זיך נאָכצופרעגן ביי די מלמדים וועגן אירע קינדער.

די גאַנצע האָרעוואַניע אירע איז דאָך נאָר געווען צוליב די קינדער. זי האָט זיי געשיקט צו די בעסטע מלמדים אין שטאָדט, דאָס לעצטע האָט זי אַוועקגעגעבן פאַר שכר למוד, ווייל זי האָט געוואָלט, אַז אירע קינדער זאָלן אַזוי קענען לערנען ווי איר פאַרשטאָרבענער מאַן, עליו השלום, האָט געקענט.

אָבער דאָס שווערע לעבן, דאָס יאָגן זיך שטענדיק אפן דאָרף צווישן די גויעס ביי וועמען זי פלעגט אויפקויפן פאַרשיידענע זאַכן און נאָכדעם זיי ברענגען אין שטאָדט פאַרקויפן צו די רייכערע באַלעבאָסטעס, אָט די וויסטע פרנסה אירע האָט זי אַזוי אויסגעמאַטערט, אַז זי האָט קוים זיך געהאַלטן אויף די פיס און ווען זי פלעגט פאַר-נאַכט קומען אַ היים, איז זי שוין געווען אינגאַנצן ערשעפּט און ניט געהאַט קיין כוח ערגעץ צו גיין אָדער עפּעס צו טאָן.

ניט איינמאָל האָט זי געטראַכט, אַז זי מוז אָפּרייסן עט-לאַכע מינוטן, אַ פרימאָרגן, און אַריינגיין כאָטש צו איינעם, כאָטש צום גמרא מלמד און נאָכפרעגן זיך וועגן דעם עלטערן זון אירן, ער ווערט דאָך שוין באַלד אַ בר מצוה, ער איז אינגאַנצן, ווי זיין פאָטער, אים צו לייגנערע יאָר, איז געווען — ווי איין טראָפּן וואַסער.

אָבער טאַקע בלויז מיטן טראַכטן איז זי אָפּגעקומען. אַזוי שנעל ווי זי האָט אָנגעהויבן טראַכטן וועגן דעם, האָט זי דערזען פאַר זיך דעם מלמד, ר׳ שמעון, אַ שיינער איד מיט אַ ברייטער, געדיכטער, גרויער באָרד, מיט גע-דיכטע גרויע ברעמען איבער די אויגן און אַ הויכן ווייסן שטערן, אַ איד וואָס שמ׳ט איבערן גאַנצן קרייז פאַר אַ גרויסן בר אורין שטייט פאַר איר און לויבט איר זון, וואָס פאַר אַ טייערער איד ער איז, ווי גוט ער לערנט זיך און וואָס פאַר אַן אויסגעצייכנטן זכרון ער האָט און ווי טיף זיינע ידיעות זיינען און ווי שאַרף זיין מוח איז, און די מאַמע, הערט אויס און עס ווערט איר וואַרעם אין אַלע אברים און דאָס פנים ווערט ביזן האַלז אינגאַנצן רויט. אַזוי האָט זי אַלעמאָל זיך פאַרטראַכט וועגן דעם, און אָפּ-געקומען מיטן חלום און קיינמאָל ניט געהאַט דעם פאַר-געניגן אַריינצוקומען צום מלמד און הערן טאַקע אויף אַן אמת ווי אַזוי איר זון לערנט זיך.

אַ פאַרציטערטע איז זי געוואָרן ווען זי האָט איינמאָל אין אַ פאַר׳פסח׳דיקן פרימאָרגן דערזען ר׳ שמעון׳ס פרוי, די רביצען אַריינקומען. אויף דער מינוט איז איר געוואָרן דאָס האַרץ אַזוי שווער, דאָס פּנים שטאַרק בלאַס, און זי האָט אָנגעהויבן זיך צו פאַרענטפערן פאַר דעם גאַסט, אַז זי האָט אַליין גערעכנט די צוויי רובל צוברייינגען טאַקע דעם זעלבן טאָג, זי ווייסט אַז זי איז נאָך שולדיק צוויי רובל שכר למוד און די רביצען האָט ניט באַדאַרפט זיך מטריח זיין צו קומען צו איר מאָנען דעם חוב.

די רביצען האָט איר אָבער גלייך געענטפערט, אַז ניט צוליב דעם איז זי געקומען; זי ווייסט אַז נעמי צאָלט שכר למוד און דער בחור איז זייער אַ וואוילער און אַ טייערער. און אַז דער רבי אַליין האָט זיך געוואונשן צו קריגן אַזאַ מאַן פאַר זייער טאָכטער, ווי איר זון איז, ער וואָלט אָנגעשטאַנען אפילו ר׳ שמעונ׳ן פאַר אַן איידעם. נאָר זי איז געקומען צוליב אַן אַנדער זאַך. ניט זייער קיין גוטע בשורה האָט זי געבראַכט. צו אַן אַנדערן וואָלט זי קיינמאָל ניט געגאַנגען, זי האָט בכלל ניט ליב צו זאָגן שלעכטע בשורות, אָבער אי זי אי איר מאַן, ר׳ שמעון הייסט עס, האָבן זער ליב איר געראָטענעם זון, האָט ער זי געשיקט גלייך אָנצוזאָגן אַז מען מוז איר טייערן זון ערגעץ אַוועקפירן, אויסבאַהאַלטן אַ שטיקל צייט, ווייל אַ נייע גזירה איז אַרויסגעגעבן געוואָרן פון צאַר, אַז קינדער פון צוועלף יאָר און עלטער זאָלן אָפּגעגעבן ווערן פאַר סאָלדאַטן, וואו זיי וועלן דינען פינף און צוואַנציג יאָר.

אַ גרויל איז דורך נעמים קערפער דורכגעגאַנגען, די בלוט אין אירע אָדערן איז ווי פאַרפראָרן געוואָרן...

פאַר עטלאַכע מינוטן צייט האָט זי ניט געקאָנט קומען צו זיך. זי איז געבליבן שטיין ווי געליימט און ניט געקענט אַ ריר טאָן זיך פון אָרט. ערשט ווען דעם מלמד׳ס פרוי

איז אַוועק האָט זי אויסגעבראָכן אין אַ שרעקלאַכן יאָמער און הימלשפּאַלטנדיקן ווײ געשרײ, אָבער באַלד האָט זי זיך געכאַפּט, אַז אפשר טאָר זי גאָר ניט וויינען, שטילער-הייד וועט זי ערגעץ אַוועקפירן איר עלטערן זון אים אויס-באַהאַלטן ביז דער צאָרן וועט פאַראיבער...

די טעג און נעכט זײנען פון דאַן אָן געוואָרן אָן אָפּ-קומעניש פאַר איר. ניט דער פרימאָרגן מיט זיין פרישער לופט, ניט דער אוונט, וועלכער ברײנגט רו, האָבן נעמי'ס שטימונג געביטן אָדער אויף וויפיל ס'איז איר גרינגער געמאַכט — איין לאַנגער, אָן אַן אויפהער לאַנגער גסיסה צושטאַנד איז דאָס לעבן פאַר איר געוואָרן. ווי האַלב ווילד איז זי אַרומגעלאָפן, געבראָכן מיט די הענט, געזיפצט און געשלונגען טרערן און איר שטומער האַרצרײסנדער בליק האָט זיך געשניטן אין די הימלען אריין.

שטונדנלאַנג פלעגט זי אָפּשטיין, אָנגעשפּאַרט בײ דער מצבה אויפן בית עולם און שטיל, קיינער זאָל ניט דער-הערן, פלעגט זי אויסדערציילן איר ביטער האַרץ פאַר איר פאַרשטאָרבענעם מאַן, אַז אַ נייע גזירה איז אַרויסגעגעבן געוואָרן, אַז אידישע קינדער ווערן אַוועקגענומען פון זייערע עלטערן. אפילו יתומים ווערן צוגענומען פון זייערע מאַמעס און איבערגעגעבן אין גויאישע הענט, וואו זײ וועלן ווערן אינגאַנצן אָפּגעפרעמדט פון זייערע היימען און מיט דער צייט וועלן זײ נאָך אפשר ווערן אויך אָפּגעריסן פון זייער פאָלק און ווערן אויס אידן, חלילה!

זאָל ער, דער מאַן אירער, ער איז דאָך געווען אַזאַ וואוילער, אַזאַ פרומער, זאָל ער, דער צדיק, זיך מיען, אָנ-קלאַפּן דאָרטן אין די טויערן פון הימל און פרעגן: "היתכן?" — וואו איז דאָס געהערט געוואָרן? און דערווייל וועט זי גײן טרייסטן דעם איבערגעשראָקענעם בר מצוה זייערן,

װעלכער באַהאַלט זיך אױס װי אַ האָז, אַט דאָרט טאַקע, ניט װײַט פֿון בית עולם אין װאַלד, בײַם עק פֿון שטאָדט.

יענע פּרימאָרגנס זײַנען געװען פֿאַר איר די שװערסטע, ניט נאָר צוליב דעם טיפֿן װײטאָג, װאָס ברעכט איר האַרץ, װען זי רעדט איבערן קאַלטן שטײן און הערט קײן װאָרט ניט; נאָר אַ צװײפֿל, אַ ביטערער צװײפֿל האָט אָנגעהױבן זיך אַרײַנגנבֿ׳נען אין איר האַרצן אַרײַן. צו מײנט עס בכלל עפּעס, צו קען ער איר העלפֿן, דער שױן לאַנג פֿאַרשטאָרבענער מאַן אירער. צי איז דאָס ניט אינגאַנצן עפּעס אַ נאַרישקײט צו רײדן צו אַ שטײן...

דערפֿאַר טאַקע שטאַרקער דער פּחד; די מורא, טאָמער װעט מען חלילה אױסגעפֿינען, אַז איר גײן צװײ מאָל אַ טאָג צום מאַן׳ס קבֿר איז עפּעס אױך פֿאַרבונדן מיט אױס־באַהאַלטענע קינדער דאָרטן ערגעץ אין װאַלד. דאַן, יאָ דאַן װעט זי חלילה פֿון זײנען אַרונטער אױב זי װעט זײַן די, װאָס האָט פֿאַראורזאַכט, אַז מען זאָל די קינדער דאָרט אױסגעפֿינען און צונעמען זײ.

אײן פּרימאָרגן, װען נעמי איז אַ הײם געקומען פֿון בית עולם, האָט זי געטראָפֿן עטלאַכע צעשראָקענע און פֿאַר־זאָרגטע שכנות, װעלכע האָבן איר אָנגעזאָגט די שרעק־לאַכע בשורה, אַז כאַפּערס גײען אַרום איבער די הײַזער און נעמען שױן צו קינדער אין עלטער פֿון זיבן יאָר אױך.

װי אַן אונטערגעשאָסענע לײבעכע איז נעמי אױפֿגע־שפּרונגען, האָט ארומגעכאַפּט איר זיבניאָריקן אײנגעלע „נתנאל׳ן״, האָט אים שטאַרק געדריקט צום האַרצן און מיט אַ צעבראָכן האַרץ, אָבער שטיל געמורמלט: נײן, נײן, זי װעט אים ניט געבן, זי װעט ניט לאָזן מען זאָל בײַ איר דאָס מזיניקל אױך צוראַבעװען, נײן, נײן! פֿון שטוב איז זי געלאָפֿן אין אַלקער און צוריק, דאַן אין קיך און פֿון דאָרט אין קאַמער, געטראָגן דאָס קינד, צוגעדריקט צום

האַרצן און געזוכט, געזוכט אַ פּלאַץ פאַרן קינד, אָדער פאַר זיך מיטן קינד; זי איז געקראָכן אויפן בוידעם איבעראַל האָט זי געזוכט, אָבער קיין פּלאַץ האָט זי ניט געפונען וועלכער זאָל זיין זיכער, אַז מען וועט איר קינד ניט געפונען. און צו דעם אויף טוידט איבערגעשראָקענעם קינד האָט זי גערעדט און געטרייסט אים, אַז אים וועט מען ביי איר ניט צונעמען, ער איז דער מאַמעס יונגסטע, קלענסטע קינד, זי וועט אים ניט לאָזן גיין, זי וועט אים האַלטן נעבן זיך. אָט אַזוי אָ, וועט זי אים אַרומטראָגן און קיינער וועט אים ביי איר ניט קאָנען צונעמען. אַזוי לאַנג האָט זי מיטן קינד אַרומגעדרייט זיך איבער אַלע צימערן און לעכער אויפן בוידעם און אין קעלער ביז זי איז אינגאַנצן געפאַלן פון די פיס און אויף דער הוילער ערד האָט זי זיך מיטן קינד אַוועקגעזעצט, אַנגעשפּאַרט אין דער וואַנט און פאַרוואָרפן דעם קאָפּ אַ פאַרחלש'טע איז זי אַזוי געבליבן און געשעפּטשעט עפּעס אינגאַנצן אָן כוחות און קוים וואָס מען האָט געקענט עפּעס הערן.

אַ הימל שפּאַלטנדער יאָמער און ווייִ געשריי וואָס האָט די ווענט געמאַכט ציטערן, האָט פּלוצלינג זיך דורכגע-טראָגן דורכן פענסטער. פון דער דריטער הויז, אַנטקעגנ-איבער דער גאַס, האָבן זיך די קולות געטראָגן. די כאַפּערס זיינען דאָרט געווען און דריי קינדער פון איין הויז צו-גענומען; זיי האָבן געזוכט אַ גאַנצן פרימאָרגן ביז זיי האָבן זיי געפינען, צוויי זיבניאָריקע קינדער אין קעלער און אַ נייניאָריקן בחור האָבן זיי פון היי, וואָס איז געלעגן אויפן בוידעם אַרויסגעשלעפּט. לאָזן די מאַמעס די קינדער ניט אָפּ, שטעלן זיך קעגן, רייסן, בייסן די הענט פון די פּאָליציי לייט און כאַפּערס, זיי כאַפּן קלעפּ און שרייען און רייסן זיך די האָר פון קאָפּ, ווען זיי זעען אַז זיי קענען די קינדער ניט ראַטעווען.

נעמי האָט אַ ציטער געטאָן און איז צו צום פענסטער. זי האָט דערזעען די דריי מאַמעס פון די קינדער, ווי זיי לויפן נאָך די כאַפּערס מיט די קינדער און שרייען און געוואַלדעווען, נאָר די כאַפּערס מיט די פּאָליציי לייט, זיי אַרט עס ניט, זיי גייען זיך אַזוי קאַלטבלוטיק און פירן די קינדער ווי שעפּעלאַך צו דער שחיטה, און עס איז קיין הילף ניטאָ קעגן זיי.

זי האָט זיך אָנגענומען פאַרן קאָפּ מיטביידע הענט, האָט זיך איינגעקאָרטשעט און פאַר אַ מינוט איז זי פאַר־גליווערט אַזוי געשטאַנען, אָבער באַלד האָט זי ווי אַ יונגע סאַרנע אַ שפּרונג געטאָן אין שלאָפצימער פון וואַנען זי האָט זיך צוריקגעקערט מיט אַ שוואַרצן שאַל און צוויי גרויסע ליכט.

ווען די כאַפּערס זיינען באַלד אַריינגעקומען צו נעמין אין הויז, האָבן זיי געטראָפן דאָס קינד אונטערן שוואַרצן צודעק ליגן אויפן דיל, די צוויי ליכט האָבן געברענט צוקאָפּנס און די מוטער מיט אירע אַ פּאָר חברטעס און שכנות איינגעבויגן איבערן מת, וויינען און קלאָגן. די כאַפּערס זיינען אַוועק, איינער פון זיי האָט אפילו אַרויס־געמורמלט אַן אַנטשולדיקונג, אָבער ווען זיי זיינען שוין געווען ווייט אַוועק און מען האָט דעם שוואַרצן צודעק פון קינד אַרונטערגענומען, האָט דאָס קינד זיך ניט גערירט פון פלאַץ. פאַר דערשרעק האָט דאָס אינגעלע אונטערן שוואַרצן צודעק אויסגעהויכט זיין נשמה'לע און זיין מאַמע האָט די כאַפּערס ניט אָפּגענאַרט, דאָס קינד איז געווען טויט.

נעמי האָט אָנגעהויבן ציייגן סימנים פון גערירטקייט; די שכנות און די חברטעס אירע האָבן אָנגעהויבן מורא צו האָבן פאַר איר. אירע טענות זיינען געווען צו שאַרף פאַר וועלכע עס איז פון אירע חברטעס און נאָענטע אַז

זיי זאָלן קאָנען רואיק זי אויסהערן. אַזוי האָט זי געשריען און גע'טענה'ט גאַנצע טעג און גאַנצע נעכט. נאָך דער לויה פון קינד איז זי נאָר געגאַנגען און געשריען: „אין חוץ לארץ טאָר מען קיין קרבנות ניט ברענגען“, אָבער די שטימע און דאָס האַלטן זיך בשעת אירע געשרייען האָט געמאַכט אַזאַ דערשיטערנדן איינדרוק, אַז די גאַנצע שטאָדט האָט געוויינט און געקלאָגט מיט איר צוזאַמען.

באַזונדערס האָט דאָס שטעדטל אויפגעציטערט, ווען נאָך פאַר שבעה האָט זי געבראַכט איר עלטסטן זון צוריק פון וואַלד און גייענדיק איבערן גאַס האָט זי געשריען, אַז מאַמעס וואָס הרגענען זייערע קינדער דאַרף מען שטעלן פאַרן העכסטן געריכט, דאָרט אויבן, פאַרן בית דין של מעלה, און דערביי האָט זי אָנגעוויזן מיט אַ פינגער אין הימל אריין.

נאָר ווי אַזוי גייט מען ארויף, האָט זי ווייטער געטענהט, צום בית דין של מעלה, אַז דאָרט איז דאָך אויך פול מיט כאַפּערס! און אַז עס איז לית דין ולית דין! ער איז דאָך דער זעלבער באַלעבאָס דאָרט אויבן, דער רבונו של עולם, ווי ער איז דאָ אונטן, ביי אונז; איז אויב ער זאָל קאָנען וואָלט ער דאָך דאָ אויך געהאָלפן, נאָר ער קאָן ניט, ער האָט קיין מאַכט ניט, ניט דאָ און ניט דאָרטן. עטלאַכע טעג האָט זי אַזוי געטענה'ט צו גאָט און צו דער וועלט און פּלוצלינג האָט זי ווי אַ ניי געבאָרענע אָנגעהויבן ריידן געלאַסן צום זון און אים דערביי דערקלערט אַז זי איז אַ זינדיקע, איר פאַרוואונדעטע האַרץ האָט איר געטריבן אַזוי צו רעדן. זי קען פאָרט ניט איבערטראָגן דעם קלאַפּ פון נתנאל'ס טוידט, זי האָט דאָך אים, הייסט עס, ממש אַליין געבראַכט פאַר אַ קרבן. דאָס טאָר מען נישט טאָן, מער וועט זי קיין קרבנות ניט ברענגען. זי וועט איר זון אָפּגעבן צו פאַניען, און זאָל ער זיין געזונט דאָרטן.

זי האָט איר זון שטאַרק צוגעדריקט צום האַרצן און לאַנג אַזוי ווי אַ פאַרגליווערטע געשטאַנען מיטן זון איינגעקלאַמערט צווישן אירע הענט, און זי האָט זיך מיט אים געזעגנט, דערנאָך האָט זי מיטאַמאָל אים אָפּגעלאָזט און גענומען רעדן צו אים, אַז ער איז נאָכאַלעמען ניט קיין קליינער אינגל, אַז ער וועט זיך אויסדינען און קומען צוריק אַ היים אַ געזונטער. אָבער איין זאַך האָט זי פאַרלאַנגט פון אים: ער זאָל איר געבן די האַנט, אַ תקיעת כף זאָל ער איר געבן, און צוזאָגן אויף זיין ערנוואָרט, אַז וואָס מיט אים זאָל דאָרט ניט פּאַסירן אין מיליטער, „דאָס רענדל זאָל ער ניט איבערבייטן" — ער זאָל פאַרבלייבן אַ איד.

ד.

פאָלקאָווניק פּעטראָוו, האָט לאַנג שוין געהאַט פאַרגעסן זיין צוזאָג צו דער מאַמען. גאָר די האַנט, וואָס האָט אים דערמאָנט אָן זיין תקיעת כף, האָט אים געפירט ביז צו משוגעת, עס האָבן אים יאָרן לאַנג געפּייניגט די בילדער, וואָס זיינען אלעמאָל ארויפגעשוואומען פאַר זיינע אויגן. אָבער וואָס דער פאָלקאָוויק האָט נאָך געדענקט האָט דער גענעראַל פאַרלוירן פון זיין זכרון.

אין זיינע גענעראַלסקע קליידער מיט די ברייטע רויטע לאַמפּאַסן אויף די הויזן, האָט ער גאָר אַ נייער מענטש אויסגעזעהן. ער איז צוליב דעם נייעם פּאָסטן איבערגעפירט געוואָרן אין אַ גרעסערער שטאָדט, דער קאָרפּוסנאָי גענעראַל, האָט געהאַט מער צו זאָרגן ווי אַ פאָלקאָווניק, זיינע טעג פאַרנומען מיט אַרומפאָרן און די נעכט אין גענעראַלסקי קלוב, דאָס אַלץ האָט געשיינט אָפּצושווינקען פון זיין זכרון די אַלע זכרונות וואָס האָבן אים געפּייניקט.

די יאָרן האָבן אויך געטאָן זייערס: דער גענעראַל איז עלטער געוואָרן, האָט זיך מער צוגעוואוינט צו באַקוועמ-

לאכקייטן און בכלל האָט זיין עלטערער מוח שוין אויפ־געהערט צו טראַכטן צופיל. ער האָט זיך שוין געהאַט איינגעזאָטלט אין לעבן גרייט אַזוי צו זיצן באַקוועם ביזן סוף פון זיינע יאָרן, נאָר דער זון זיינער, דער איין און איינציקער יורש, וועלכער האָט געענדיקט די גימנאַזיע מיט אויסצייכנונגען און האָט שוין אַפּאָר יאָר אין אוני־ווערסיטעט אויך באַוויזן זייער גוטע אַרבעט צו טאָן, ער האָט אים באַאומרואיקט אַ ביסל...

אין די אוניווערסיטעטן, האָט מען געשמועסט אין גענעראַלסקע קלוב, איז ניט גלאַט מיט דער יונגוואַרג. די סטודענטלאַך, יונגע, ניט דערפאַרענע מענטשן, ווייסן נאָך ניט פון קיין צרות, זוכן זיי זיך!... אָט האָט מען דערציילט אין קלוב אַז אין פעטערבורגער אוניווערסיטעט איז געווען אַ גאַנצע איבערקערעניש. אַ סטודענט, גראָדע אַ גראַפס אַ זונדל, האָט זיך פאַרוואָלט עפּעס אָנשרייבן וועגן צאַרס משפחה. מילא, וואָס יונגוואַרג וויל דאָרטן, עס מיינט דען עפּעס? — האָט מען אָבער דעם טאַטן זיינעם, דעם גראַף ארויסגעשיקט פון לאַנד, דעם בחור האָט מען אַריינגעזעצט אין חד גדיא אַריין און גאָר גע־מאַכט אַ גאַנצן וועזן דערפון.

דערפאַר וואָלט גענעראַל פעטראָוו זייער וועלן, אַז זיין זון זאָל איבערגייען אין אַ מיליטערישער אַקאַדעמיע. דאָרטן לאָזט מען די יונגוואַרג ניט אין זינען האָבן קיין פוסטע מעשות, זיי זיינען שטענדיק געהאַלטן אין דער קייזערלאַכער דיסציפּלין און זיי זיינען זיכער מיט אַלץ.

אָבער די פרוי זיינע און טאַקע דער זון אַליין האָבן דוקא געוואָלט, אַז דער יורש זייערער זאָל ווערן אַן אינזשעניר.

איצט ווען די פרוי איז געשטאָרבן, האָט דער אַלטער גענעראַל באַשלאָסן צו מאַכן אַן ענדע דערצו. ער וועט ארויסרופן דעם זון פון אוניווערסיטעט צוריק אַ היים און

אים צווינגען צו פאַרלאָזן דעם אוניווערזיטעט און אריבער־גייען אין אַ מיליטערישער אַקאַדעמיע, וואו ער וועט ווערן פאַרזיכערט מיט אַן אייביק זיכערער קאַריערע, אָן מורא און אָן געפאַר...

אַן אויסעראָרדנטלאכער באַפעל פון דער רעגירונג האָט אָבער די פלענער פון גענעראַל אָפגעשטופט אויף אַ צייט שפעטער. אַלע גענעראַלן זיינען ארויסגערופן געוואָרן צו אַ באַראַטונג קיין יאַלטע, אין קרים, וואו די צאַרסקע סוויטע פלעגט פאַרברייינגען אויף די זומער דאַטשעס. גענעראַל פעטראָוו איז צום ערשטן מאָל גערופן געוואָרן צו אַ פאַרזאַמלונג פון אַזעלכע הויכע מיליטערישע אַטאַ־שעס און דאָס האָט אים אינגאַנצן אוועקגענומען פון זיינע פערזענלאכע אינטערעסן, ער איז אינגאַנצן געוואָרן פאַר־טיפט אין די אינטערעסן פון דער געפלאַנטער אָפענסיווע, וואָס די צאַרישע רוסלאַנד האָט דאַן געהאלטן אין צו־גרייטן אויפן סולטאַן ווי אויך צו פאַרשטאַרקן די פאַר־זיכערונג פון די ניי געריבטע לענדער אין יענער געגנט.

חדשים לאַנג האָט דער גענעראַל פאַרבראַכט אין פאַר־שיידענע שטעדט אין פאַרשיידענע מיליטערישע אָפטיי־לונגען, וואו עס זיינען אָפגעהאַלטן געוואָרן מאַניעווערס און די גענעראַלן האָבן געהאַלטן זייערע באַראַטונגען און אַזוי איז אַוועק איבער אַ יאָר צייט ביז דער אַלטער האָט געהאַט די מעגליכקייט צו זען זיין זון, וועלכער האָט שוין דערוויל צו יענער צייט גראַדואירט אַלס אינזשעניר.

אומגעריכט איז דער אַלטער גענעראַל פעטראָוו גע־קומען צום יום טוב פון זונס גראַדואירונג. ער האָט נאָר וואָס געהאט זיך באַפרייט פון אַ יאָר שווערער און אָנ־געשטרייינגטער אַרבעט, און ווען ער האָט געקראָגן די ידיעה אַז דער זון גראַדואירט, איז ער גלייך אַוועקגעפאָרן אַהין בייצוואָוינען די פייערלאכע צערעמאָניע.

פֿאַר דעם יונגען אינזשעניר איז דאָס אומדערוואַרטעטע קומען פֿון זיין פֿאָטער געווען אַן אַנגענעמע איבעראַשונג. אַן אמת'ער סורפּריז!

דערפֿאַר אָבער איז פֿאַרן גענעראַל געווען נאָך אַ גרעסערע איבעראַשונג, ווען זיין זון האָט פֿאָרגעשטעלט פֿאַר אים אַ צאַרטע, יונגע מיידל, אַלס זיין בעסטער פֿריינט אין די שול יאָרן...

ה.

עס איז געווען אַ שיינער פּראַסטיקער פֿרימאָרגן, ווען דער אַלטער האָט זיך אומגעקערט פֿון יאַגד און געטראָפֿן זיין זון אַ צעטראָגענעם, אַרומשפּאַצירן איבערן הויף.

צייט דער אינזשעניר איז אַהיים געקומען האָט דער אַלטער גענעראַל ווידער אָנגעהויבן פֿילן אַ זין אין לעבן. עס איז אים געוואָרן אויפֿן האַרצן גוט און ער האָט זיך באַצויגן צום זון מיט אַזוי פֿיל ליבע און האַרציקייט, אַז דער זון האָט אַזש אָנגעהויבן צו פֿילן אומבאַקוועם פֿון דער ליבע פֿון אַלטן טאַטן צו אים.

ער האָט אפילו אַ פּאָר מאָל געפּרוּווט אויסרעדן דעם אַלטן און געפֿרעגט פֿאַר וואָס ער האָט אים ניט געוויזן קיין ליבע אין די יונגערע יאָרן. זיינע פֿראַגן זיינען גע-שטעלט געוואָרן אַזוי דירעקט און אַזוי שאַרף, אַז דער גענעראַל האָט זיך פֿאַרלוירן און ניט געוואוסט וואָס צו ענטפֿערן. ער האָט זיך דערמאָנט דעם דאַמאָלדיקן צושטאַנד, און האָט ווידער געזען די בילדער וואָס האָבן אים קיין רו ניט געגעבן, אָבער ער וועט דאָך ניט גיין דעם זון דערציילן, וואָס פֿאַר אַ מין צייט דאָס איז געווען, וויפֿיל שמערצן ער האָט דאַן איבערגעלעבט און ווי ער האָט זיך געראַנגלט כמעט ווי אין אַ גסיסה צושטאַנד.

האָט ער געפּרואווט אים בלויז אָפּקומען מיט אַ געוויינט-לאכן תירוץ. אַז, אויסער אים האָט דאָך דער אַלטער גע-נעראַל גאָר ניט אין דער וועלט! אַז ער פילט די עלטער אָנקומען און אַז ער גיט אַ קוק אויף צוריק, וויפיל יאָרן ער האָט זיך געפּלאָגט אויף דער וועלט און פרעגט זיך צוליב וואָס? האָט ער איין ענטפער, וועלכער באַרואיקט אים — דער אינזשעניר. צוליב אים האָט זיך געלוינט צו ליידן און לעבן...

דעם גענעראַל׳ס האַרץ האָט זיך אַ צאַפּל געטאָן ווען ער האָט דעם זון פון ווייטנס דערזען אַזוי האַסטיק אַרומ-שפּאַצירן. ער האָט געוואָלט צולויפן אים אַרומכאַפּן, קושן אים און בעטן אים, אַז ער זאָל זיך ניט ערגערן, אָבער ער האָט שוין מורא געהאַט, אים צופיל צערטלאַכקייט צו ווייזן אויף אַזאַ אופן.

ער איז אונטערגעקומען און ארויפגעלעגט די האַנט אויפן זון׳ס אַקסל, מעשה גוטע ברודער, און אַזוי דירעקט אַ פרעג געטאָן — וועלכן גענעראַל׳ס טאָכטער זי איז, דערביי האָט ער זיך טאַקע געהאַלטן גאָר אַנדערש ווי אַלעמאָל און זיין פראַגע איז געשטעלט געוואָרן אַזוי ווי פון אַ גוטן פריינט וועלכער ווילט זיך איבער אַזאַ ענין.

דעם זון איז דער צוגאַנג זייער שטאַרק געפעלן געוואָרן און אויך ער האָט אין דעם זעלבן טאָן געענטפערט, אַז קיין טאַטן האָט זי ניט געקאַנט אַליין אויסקלייבן, האָט זי געמוזט נעמען יענעם וועלכער איז איר פּאָטער, דערפאַר אָבער ווען עס איז געקומען צו קלייבן אַ שווער, האָט זי שכל געהאַט און אויסגעקליבן "אזוינס ווי א זעלכעס", א גענעראַל און נאָך אַ קאָרפּוסנאָי גענעראַל דערצו, מען קען אים איבערן גאַנצן לאַנד... גענעראַל פעטראָוו איז זיין נאָמען...

ביידע האָבן זיך האַרציק צעלאכט און אַזוי אַוועקגעלאָזט זיך אין אַ שמועס שפּאַצירנדיק איבערן הויף. דער שמועס האָט זיך אָנגעהויבן אין אַ שפּאַסיקן טאָן, אָבער וואָס ווייטער האָט ער זיך פאַרוואַנדלט אין מער אַן ערנסטן געשפּרעך, וועלכער האָט געבראַכט מיט זיך שרעקלאכע יסורים און פּיין. פון צווי פאַרוואונדעטע הערצער האָט זיך אַרויסגעריסן אַ דורכגעווייטאָגטע ודוי, פון אַ טאַטן מיט אַ זון וועלכע האָבן זיך ביז דאַן ניט געקענט...

דער זון האָט פאַרן פאָטער פאַרגעשטעלט דעם יונגען געליבטן וועלכער האָט אַ פאַרצווייפלטן קאַמף מיט זיך, אויסצוקלייבן צווישן טאַטן, פאַר וועמען ער האָט אַזוי פיל דרך ארץ און אַכטונג און צווישן אַ ברענענדיקער ליבע, וואָס רויבט אַוועק שלאָף, נעמט צו דעם זין פון לעבן, אויב מען גיט איר ניט נאָך.

ווען דער אַלטער גענעראַל האָט געפרעגט, ווער עס האלט אים דען אָפּ, אָדער ווער עס שטערט אים צו נעמען די מיידעל, וועלכע ער האָט אַזוי ליב, האָט ער געענטפערט, אַז בלויז די קאַריערע פון זיין אַלטן טאַטן שטייט אים אין וועג. ער ווייסט אַז אויב ער וועט חתונה האָבן פאַר דער מיידל, וועט עס זיך באַלד צעטראָגן, מען וועט וויסן ווער זי איז און באַלד וועט מען דעם אַלטן גענעראַל פּעטראָוו נאָך מיט שאַנד און באַליידיקונג אַוועקשיקן פון זיין פּאָסטן און דערפאַר קאָן ער ניט חתונה האָבן פאַר איר, זי איז אַ אידישע.

די מיידל און ער האָבן געפונען אַן אויסוועג, ער ווייסט אָבער אַז אויך דער אויסוועג וועט דעם אַלטן טאַטן צו טיף וויי טאָן און ער וויל דאָס ניט. דערפאַר איז ער געקומען איצט אַ היים זוכן אַ געלעגנהייט מיטן פאָטער אַליין זיך דורכצושמועסן וועגן דעם.

ער מיט דער מיידל האָבן באַשלאָסן צו פאָרן אין אַמעריקאַ. אַמעריקאַ איז אַ ניי לאַנד און דאַרף טיכטיקע פּיאָנערן. ער איז אַן אינזשעניר און אַן ענערגישער יונגער-מאַן, ער וועט קאָנען פיל אויפטאָן אין דעם נייעם לאַנד, אָבער ניט ער, ניט די מיידעל וועלכע ער ליבט אַזוי וואָלטן זיך דערלויבט אַוועקצופאָרן אָן זייערע עלטערנס וויסן. אָבער איידער ער האָט געענדיקט זיין ודוי, האָט דער אַלטער גענעראַל צוזאַמענגעבראָכן...

אינגאַנצן אַ דערשיטערטער, האָט ער דערציילט דעם זון, ווער ער איז, אַז ער איז פון זיין מאַמען אָפּגעריסן געוואָרן ווען ער איז געווען קאַרגע דרייצן יאָר אַלט, ווי ער האָט פאַרלוירן זיין קלענערן ברודערל, ווי ער האָט אין דער אַרמיי פאַרגעסן ווער ער איז און דער פאַל מיט דער שמד צערעמאָניע פון אַ יונגער ראָטע סאָלדאַטן, און ווי די האַנט... האָט אים פאַרפאָלגט און משוגע געמאַכט און ווי פיל ער האָט געליטן. אָבער דער איין און איינציקער זון האָט אים ניט געלאָזט צוריקגייען ווען ער האָט גע-וואָלט... ער האָט געמוזט לעבן אַ לעבן פון גרויסקייט און פּאָמפּ, וואָס האָט אים שטילערהייד געשטיקט און פאַראומערט יעדן ליכטיקן טאָג און יעדער וואַרימע מינוט פון זיין לעבן. ווען דער אַלטער האָט געענדיגט, האָבן ביידע, דער טאַטע מיטן זון זיך געהאַלזט און געקושט ווי געליבטע און געוויינט...

.ו

פון אַמעריקאַ האָט דער אַלטער גענעראַל געקראָגן בריף פון די קינדער, נאָך איידער ער האָט אָנגעגעבן אין דימיסיע צוליב זיין געזונט.

יעדער בריף איז געווען אַ טרייסט און פול מיט האָפנונג, אַז באַלד, באַלד, וועט ער אויסטאָן פון זיך כאָטש אויף דער

עלטער, די שווערע משא, וועלכע האָט אים יאָרנלאַנג גע-דריקט ווי אַ באַרג אויף די פּלייצעס. ער וועט לעבן ווי ער וועט אַליין אויסקלייבן, ער האָט שוין אפילו אָנגעהויבן נאָכצודענקען, וועלכע עס זיינען די וויכטיקסטע פליכטן, וואָס אַ איד מוז טראָגן מיט זיך אַלס איד, ער האָט געטראַכט וועגן די מצוות, אָבער ער האָט זיך ניט געקענט דערמאָנען, ער האָט דאַרום באַשלאָסן אַז ער וועט נאָך אַראָפּפאָרן צו זיך אין שטעדטל, זיך זען מיטן רב, פאַר אים אויפדעקן דעם סוד און אין איינוועגס שוין באַזוכן דעם קבר פון זיין מוטער און פאָטער און אָנזאָגן דער מאַמען, אַז ער וועט פאַרבלייבן אַ איד.

וואָס מער בריף ער האָט געקראָגן אַלץ מער האָט ער זיך געריכט אויף יענעם טאָג ווען ער וועט קאָנען פאָרן צו די קינדער. און זיי האָבן אויך אין יעדן בריף אים געבעטן אַז ער זאָל ניט וואַרטן, אַזוי שנעל ווי ער קריגט די דערלויבניש אַרויסצופאָרן פון לאַנד זאָל ער גלייך קומען, פאַר אים וואַרטן די עלטערע יאָרן רואיקע און פרייע. אין דעם נייעם לאַנד, אין אַמעריקא לעבט יעדער לויט זיין געוויסן, קיינער וועט אים קיין דעה ניט זאָגן, ער וועט זיין אין פאַלשטענדיקן זין פון וואָרט אַ פרייער מענטש.

אין זיין ענטפער אַז ער גרייט זיך שוין צו פאָרן האָט ער צו די קינדער געשיקט זיינע ברכות דערפאַר וואָס זיי האָבן געבויט אַ בריק צווישן זיין פאַלשן און ריכטיקן לעבן; איצט ווען ער וועט צו זיי קומען און לעבן אַלס פרייער מענטש, וועט ער ערשט וויסן אַז ער לעבט. אין יעדער שורה האָט געשטייגט די פרייד און די שמחה און דער אָנזאָג, אַז ער קומט צו זיי אינגיכן.

ווען ער איז אַרויסגעפאָרן פון דער היים האָט ער זיי געשריבן אַז ער פאַרלאָזט רוסלאַנד, ער וועט זיך בלויז אָפּשטעלן אויף אַ פאַר טעג אין זיין געבורטס שטעדטל,

ער וויל זיין אויף קבר אבות און זאָגן זיין מאַמען, אַז ער האָט אפילו פאַרשפּעטיגט, אָבער ער וועט האַלטן זיין צוזאָג, זיין תקיעת כף, אַז ער וועט פאַרבלייבן אַ איד.

אין שטעדטל האָט זיך ווי מיט אַ בליץ שנעלקייט צעטראָגן אַז אַ גענעראַל פון די קאַנטאָניסטן איז געקומען, ער האָט מיטן רב אַ גאַנצן שמועס געהאַט און געטיילט צדקה פאַרן בית עולם, פאַרן מרחץ, און פאַר די בתי מדרשים און אַלע אַנדערע אינסטיטוציעס, וואָס האָבן זיך גענויטיגט. די גאַנצע שטאָדט האָט גערעדט בסוד סודות וועגן דעם נס וואָס האָט געטראָפן דאָס שטעדטל, וואָס פאַר אַ גליק דער גענעראַל האָט עס געבראַכט דער קהילה, און די גאַנצע וואָך וואָס גענעראַל פּעטראָוו איז דאָרט געשטאַנען, האָט דאָס שטעדטל זיך געשושקעט און גערעדט שטילערהייד וועגן ניט געשטויגענע און ניט געפלויגענע לעגענדעס וועגן דעם מאָדנעם גענעראַל. אין דעם לעצטן טאָג פאַר זיין אָפּפאָרן האָט אויסגעבראָכן אַ פּאָגראָם אין שטעדטל. אין דעם פּאָגראָם איז דער אַלטער גענעראַל פאַרוואונדעט געוואָרן און מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער געשטאָרבן פון די וואונדען.

פאַרן טוידט האָט ער געשיקט רופן דעם רב און אים געלאָזט וויסן וואו זיינע קינדער געפינען זיך און געבעטן ער זאָל צו זיי שרייבן, אַז ווען מען לעבט אָפּ אַ גאַנצן לעבן פאַלש קען מען זיך ניט אויסקויפן אַזוי שנעל. דער טאַטע האָט ניט געהאַלטן דעם צוזאָג צו זיין מאַמען, האָט עובר געווען אויף אַ תקיעת כף, האָט ער ניט זוכה געווען צו קומען צו איידן.

אַזוי איז פאַרשריבן אין פנקס פון שטעדטל. דער אַלטער גענעראַל איז געקומען צו קבר ישראל ניט ווייט פון זיין מוטערס קבר.

זיין זון האָט לאַנג געטרויערט איבער דעם טוידט פון זיין פאָטער, וועלכער האָט זיך געקליבן ערשט צו לעבן אין אַמעריקאַ ביי די קינדער. דאָ ערשט האָט ער אָנגע-הויבן צו פאַרשטיין וואָס עס האָט געמיינט אין רוסלאַנד אונטער די צאַרן צו לעבן. ער האָט זיך דאָ אַ אידישן נאָמען געגעבן, כאָטש ער האָט בכלל וויינינג אידישקייט געזען אפילו פון זיין פרוי, וועלכע איז געווען אַ אידישע טאָכטער און געלעבט אידיש אין אירע ערשטע יאָרן.

די גאַנצע צייט האָט ער נאָכגעדיינקט צו האָט ער ניט עפּעס פאַרשפּראָכן זיין פאָטער, וואָס ער דאַרף אויס-פאָלגן . . . בריקן! יאָ בריקן, האָט ער זיך דערמאָנט. דער טאַטע האָט אַלץ געוואָלט אַז דער זון זאָל בויען אַ בריק צווישן די ערשטע און לעצטע פון פאָטער'ס יאָרן. אָבער דאָס איז פאַרפאַלן, ער וועט דערפאַר בויען אַן אַנדער בריק וואָס זאָל זיין גיגאַנטיש גרויס און דינען אַלס עדות, אַז ער האָט געוואָלט דעם טאַטענס פאַרלאַנג נאָכקומען — ער האָט דאַן נאָך לאַנגען נאָכטראַכטן, באַשלאָסן און אויסגעפּלאַנט און געשאַפן די ברוקלין ברידזש איבערן האָדסאָן.

בטחון

א

דער שמאָלער וואַלד וועג האָט נאָך ווייניק מענטשן געזען. דער פאַר איז ער נאָך אַזוי ווילד און פאַרלאָזט געוועזן און זיך געדרייט צווישן די געדיכטע בוימער ניט אין קיין גלייכער ליניע. בלויז עטלאכע יאָר צייט אַז דער ווייסער מענטש האָט זיך אין דער געגנט באַוויזן. ער האָט נאָך ניט געהאט די צייט אויסצושפּרייטן ווייטע וועגן צווישן די פעלדער און וועלדער. די איינציקע וואָס האָבן שוין די וועגן יאָ דורכגעשפּאַנט, זיינען געווען בלויז די יעניקע פּיאָנערן וועלכע האָבן געזוכט אויפצושטעלן נייע פּונקטן וואו זיי זאָלן קענען אַ מקום מנוחה געפונען, אָבער זייער צאָל איז געווען אַ קליינע.

מענטשן האָבן בכלל מורא געהאט אַליין צו לאָזן זיך אויף אַזאַ פרעמדן וועג און ווען עוזיאל מענדעס האָט זיך אין וועג געקליבן האָט מען אים באַדויערט. אָבער עוזיאל האָט זיך ניט געקימערט. ער האָט פאַרפּאַקט זיין טלית און תפילין אין אַ זעקל, האָט גענומען זיין בן יחיד'ל מנחם אויף די הענט און מיט אַ תפילה אויף די ליפּן און בטחון אין הארצן האָט ער זיך אין דעם פרעמדן ווייטן וועג אַוועקגעלאָזט.

עס איז געווען אַ קאַלטער ווינטער טאָג. פון גאַנץ פרי האָט אַ פּראָסטיק שניידיקער ווינט געבלאָזן מיט אַ האַס-טיקער קראַפט און געריסן די פּאָלעס פון זיין ברייטן מאַנטל און געמאַכט שווערער זיין וועג. ווען עוזיאל איז

צום וואַלד געקומען, האָט אַ שניי שטורם אָנגעהויבן בושע־ווען פון מינוט צו מינוט שטאַרקער. ער האָט געוואָלט וואָס שנעלער ווייטער אין וואַלד אריין וואו ער האָט גע־האָפט, אַז דער שניי שטורם איז ניט אַזוי שטאַרק. ער האָט גענומען שפּאַנען אַלץ פעסטער און האַסטיקער, אָבער וואָס ווייטער ער איז אין וואַלד געקומען אַלץ טונקעלער האָט אָנגעהויבן ווערן און אַלץ שווערער איז דער וועג געוואָרן.

גרויסע פלאַכטעס שניי שטיקער זיינען געפאַלן אויף זיין שטערן און האָבן ווי מיט אָנגעגליטע שפּילקעס גע־שטאָכן אים אין פּנים. דער ווינט איז געוואָרן וואָס ווייטער אַלץ האַסטיקער. ער האָט געהורבעט דעם שניי אין בערגלאך ארום די בוימער, גאַנצע צווייגן געבראָכן פון די בוימער און געטראָגן זיי ערגעץ אין דער לופטן, אָבער עוזיאל האָט זיך אַלץ געשטאַרקט און געשפּאַנט שנעלער, מיט מער אימפּעט און געבראַדזשעט אין שניי מיט אַלע כוחות.

ער האָט דערפילט ווי די הענט און פיס ווערן אים שווערער און אַ שטאַרקן הונגער האָט ער דערפילט. ער האָט פון גאַנץ פרי אָן אין זיין מויל ניט געהאַט. ער האָט געטראַכט פון אָפּשטעלן זיך ערגעץ נעבן אַ בוים אָפּרוען, אָבער זיין קינד האָט אים אַרומגענומען אַרום האַלז, זיך געדריקט צו אים און געבעטן ער זאָל שנעלער אַרוים פון וואַלד, ס׳איז אַזוי פינצטער און מורא׳דיק קאַלט. עוזיאל האָט געכאַפּט אַ ביסל שניי אין מויל און ווייטער זיך געלאָזט שפּאַנען מיט אימפּעט.

ניט אַזוי לייכט איז אָבער דער וועג ווייטער געווען. דער שניי איז געוואָרן אַלץ טיפער און טיפער. דער ווינט שטאַרקער, מנחם׳ל איז איינגעשלאָפן און איז אויך שווערער געוואָרן און עוזיאל האָט אָנגעהויבן פילן אַז די

כוחות פאַרלאָזן אים. ער האָט אָבער ניט נאָכגעגעבן. ער איז געגאַנגען ווייטער און ווייטער, אָבער אַ שווידערלאַכער געדאַנק האָט אים אָנגעהויבן עגבערן זיין מח. ער האָט אָנגעהויבן מורא צו האָבן, אַז ער וועט אַזוי אומפאַלן אין שניי, און פאַלט ער אום, האָט ער געפילט, אַז ער וועט שוין חלילה מער ניט אויפשטיין. ער וועט אזוי אַנשלאָפן ווערן און . . . אָבער מנחם האָט זיך דערביי אויפגעכאַפּט און אָנגעהויבן וויינען, ער איז הונגעריק.

עוזיאל האָט גאָר נישט געהאַט וואָס דעם קינד צו גיבן עסן, האָט ער אים אָנגעהויבן דערציילן, אַז זיי וועלן שוין באַלד קומען צו אַ פּלאַץ וואו ער וועט אים קריגן עפּעס צו עסן און האָט אָנגעהויבן צו זינגען פאַר אים אַ לידעלע וואָס מנחם האָט זייער ליב געהאַט צו הערן: „בטחון, בטחון, בטחון דאַרף מען האָבן“.

און ווי ער האָט אַזוי האַסטיק געשפּאַנט און צוגעזונגען זיין לידל, האָט ער מיטאַמאָל באַמערקט אַז ער קומט צום ענדע פון וואַלד וועג און פון צווישן די ביימער שיינט דורך אַ פייערל ווי עס וואָלט דאָרט ערגעץ אַ ליכט געברענט. מיט די לעצטע כחות איז עוזיאל צוגעקומען צו אַ קליינעם הילצערנעם שטיבל פון וואַנען דאָס ליכט האָט ארויסגע-שיינט. ער האָט אָנגעקלאַפּט אין טיר, אָבער ווען די טיר האָט זיך געעפנט, האָט ער שוין ניט געקאָנט אריינקומען אינווייניק. ער האָט געפילט ווי ער איז אַריינגעפאַלן ווי אין אַ גרוב און ווי דורך אַ חלום האָט ער געזען ווי צוויי מענטשן האָבן אים אונטערגעכאַפּט, האָבן צוגענומען פון אים דאָס קינד און וואָס ווייטער איז געווען האָט ער שוין ניט געדיינקט.

ווען עוזיאל האָט זיך אויפגעכאַפּט האָט ער זיך געפונען אויף אַ געלעגער פון שטרוי, אין אַ ווינקל פון שטוב אונטער אַ פוטערנעם צודעק. פאַר עטלאכע מינוטן צייט האָט ער

ניט געוואוסט וואָס מיט אים טוט זיך. ער האָט באַקוקט די הוילע הילצערנע ווענט פון שטוב, די שפּאַלטן צווישן די ברעטער און דאַך, דורך וועלכע עס האָט אַריינגעבלאָזן שטויב־שניי אויף דער ערד, בלויז איין טיש האָט ער באַמערקט אין צווייטן ווינקל פון שטוב און עטלאַכע הילצערנע ביינקלאַך.

ביים טיש זיינען געזעסן צוויי מענער, איינער איז געווען געקליידט זייער שיין, דער צווייטער גאַנץ איינפאַך און ער האָט געהאַלטן זיין מנחם'ן אפּן שוים, האָט אים געגלעט איבערן קעפּל, גערעט צו אים און אים געגעבן טרינקען מילך.

עוזיאל האָט זיך אויפגעהויבן פון זיין געלעגער און האָט אַלץ ניט פאַרשטאַנען וואָס מיט אים איז פאָרגעקומען. ער האָט זיך געוואונדערט וואו ער געפינט זיך עם ערגעץ.

ער האָט זיך אויסגעפּלאָנטערט פון דעם פוטערנעם צודעק און באַמערקט, אַז ניט נאָר האָט מען אים מיט אַ געלעגער באַזאָרגט, נאָר אַז מען האָט אויף אים אפילו זיינע קליידער איבערגעטאָן.

מען האָט פון אים די נאַסע קליידער אַרונטערגענומען און מען האָט אים אָנגעטאָן אַנדערע, ווען מען האָט אים אַזוי זאָרגזאַם אויפן געלעגער פון שטרוי אַוועקגעלייגט.

אַזוי איבעראַשט און פאַרוואונדערט האָט ער זיך גע־לאָזט צום טיש, אָבער נאָך מער איז ער איבעראַשט געוואָרן, ווען דער מאַן וועלכער האָט נאָר וואָס אָנגע־טרונקען זיין בן יחיד'ל מיט מילך, האָט אים באַגעגנט מיט אַן אויסגעשרעקטער האַנט און מיטן וואָרט „שלום"!

אַ צעטומלטער איז עוזיאל געבליבן פאַר אַ מינוט. דאָס וואָרט „שלום" אין דעם פאַרוואָרפענעם ווינקל האָט אים אַזוי איבעראַשט, אַז ער איז פאַר אַ ווײַלע ווי פאַראַלי־

זירט געוואָרן. אָבער ער איז באַלד געקומען צו זיך און מיטביידע הענט געדריקט די האַנט פון פרעמדן מיט די ווערטער: „עליכם שלום“.

"א איד?" האָט עוזיאל אים געפרעגט. "ניין!" האָט דער מאַן געענטפערט אין ענגליש, אָבער עס מאַכט ניט, ער איז אַ מענטש מיט אַ האַרץ און ער פאַרשטייט אויך אַ אידן. די העברעאישע שפּראַך האָט ער געלערנט ווען ער האָט אַמאָל שטודירט אין אַ גלחישען סעמינאַר. ער האָט שוין אַ סך פון דעם העברייאיש פאַרגעסן, אָבער דאָס וואָרט „שלום“ וועט ער קיינמאָל ניט פאַרגעסן. אין דעם דריקט זיך אויס אַזוי פיל דער כאַראַקטער פונ'ם אידן, וועלכער איז דער אמת'ער טרעגער פון דער אידייע פון פרידן.

מנחם איז דערווייל צוגעלאָפן צום פאָטער און מיט פרייד דערציילט, ווי דער גוטער מאַן האָט אים געגעבן עסן און טרינקען און באַזונדערס האָט ער שטאָלצירט מיט די מלבושים וואָס מען האָט אים אָנגעטון. נאָך מער, האָט ער זיך באַרימט מיט דער קעשענע אין זיינע נייע הויזן.

איידער עוזיאל האָט צייט געהאַט צו באַטראַכטן דעם קינדס נייע מלבושים איז שוין געשטאַנען גרייט אַ שיסל מיט וואַסער, אויף אָרומצווואַשן זיך, און אויפן טיש איז שוין געשטאַנען צוגעגרייט צום עסן און דער באַלעבאָס האָט מיט אַ פריינטלאכן שמייכל אויפן פנים געבעטן עוזיאלן עפּעס צו פאַרזוכן.

עוזיאל האָט זיך אָרומגעוואַשן און גענומען איבערבייסן. אָבער אַלץ וואָס ער האָט געטאָן, אפילו ווען ער האָט געגעסן, האָט ער זיך ניט געגלויבט אַז דאָס איז אַ ווירקלאַכקייט. עס איז מער ניט ווי אַ חלום, איז אים דורכגעפלויגן אַ געדאַנק. קיינמאָל האָט ער ניט געזען, אַז מען זאָל אַ אידן אַזוי באַהאַנדלען, אים געבן אַ געלעגער און ברויט און אויפנעמען אַזוי פריינטלאך.

ווען ער האָט געגעסן, האָט דער באַלעבאָס זיך געשפּילט מיט דעם קליינעם מנחם און אים געוויזן ווי אַזוי צו מאַכן פון די פינגער אַ שאָטן אויפן וואַנט, וועלכער זאָל עפּענען אַ מויל און לויפן ווי אַ הירשעלע.

ווען עוזיאל האָט אָפּגעגעסן, האָט דער באַלעבאָס ביי אים געפרעגט פון וואַנען ער קומט און וואוהין ער האָט זיך עס געלאָזט גיין אין אַזאַ שטורם.

עוזיאל האָט זיך אַ ביסל געשעמט און פאַר אַ ווײַלע זיך געקוויינקעלט. אָבער באַלד האָט ער געעפענט זיין האַרץ פאַר דעם גוטן און גאַסטפריינטלאכן באַלעבאָס און האָט אים דערציילט, אַז זיינע עלטערן האָט מען אַרויסגעטריבן פון שפּאַניען, און אַז די גאַנצע משפחה זייערע איז פאַר-וואָגלט געוואָרן קיין בראַזיליען, וואו זיי האָבן זיך באַזעצט שפּעטער אויף אַ פראַנצויזישן אינזל, צווישן אַנדערע האָלענדישע אידן, וועלכע האָבן דאָרט געוואוינט.

אָבער אין איין פאַרשאָלטענעם פרימאָרגן האָבן די פראַנצויזישע איינוואוינער און סאָלדאַטן געמאַכט אַן איבערפאַל איבער זייער קאָלאָניע און אַרויסגעטריבן די אידן, פאַרברענט זייערע הייזער, געשלאָגן און אפילו דער׳הרג׳עט עטלאכע. עוזיאל׳ס פרוי איז אין יענע אומ-גליקלאכע טעג אומגעקומען און ער איז געבליבן מיט זיין מנחמ׳לען, דאָן בלויז עטלאכע וואָכן אַלט.

אַ פּאָר יאָר האָט ער געזוכט אַ פּלאַץ וואו אָפּצושטעלן זיך ערגעץ, וואו ער זאָל אַ מקום מנוחה געפינען, אָבער די בייגקשאַפט נאָך זיין יונג אומגעקומענער פרוי און די מוטער פון זיין בן יחיד׳ל, האָט אים קיין רו ניט געגעבן, האָט ער דאָרום באַשלאָסן אָפּצופאָרן קיין צפון אַמעריקאַ, וואו ער האָט געהאָפט צו פאַרגעסן זיין אומגליק און אָנהויבן זיין לעבן אויפסניי.

ג.

אַפֿן וועג קיין ניי אַמסטערדאַם, האָט די שיף זיך אָפּגעשטעלט ביי איין אינזל און זיי האָבן דאָרטן געמוזט פאַרבלייבן עטלאכע טעג, זיינע זיי איבערגעפאַלן פיראַטן און האָבן זיי באַראַבעוועט און צוגענומען ביי אַלעמען אויף דער שיף אַלץ וואָס זיי האָבן געהאַט, זיי זיינען געבליבן בלויז אין די זאַכן וואָס זיי האָבן געטראָגן אויף זיך. אַ גליק וואָס ער האָט זיינע רייזע הוצאות באַצאָלט אין פאָראויס, אַנדערש וואָלט ער אפילו קיין ניי אַמסטערדאַם ניט געקענט קומען.

אָבער ווען ער איז שוין יאָ געקומען אין דעם נייעם „פאַרשפּראָכענעם לאַנד“, האָט ער געקראָגן אַזאַ מין אויפנאַמע, אַז עס איז אים געוואָרן פינצטער אין זיינע אויגן. עס איז אים געוואָרן ערגער ווי פריער, דערפאַר ווייל דאָס איז דאָך געווען זיין לעצטע האָפנונג און דאָ האָט מען אויך די לעצטע האָפנונג געוואָלט אויסלעשן. עס איז אים אויסגעקומען צו שפרינגען אין וואַסער אריין, ווייל ווייטער פאָרן האָט ער ניט קיין רייזע הוצאות און אין ניי אַמסטערדאַם לאָזט מען אים ניט אַריין, דער גאָ-ווערנאָר האָט אַרויסגעגעבן אַ באַפעל אַז מען זאָל ניט אַריינלאָזן קיין אידן אין זיין „רייך“, אין ניו אַמסטערדאַם, וואו ער האָט זיך געפירט ניט ווי אַ גאָווערנאָר, נאָר ווי אַ קעניג.

אַ האָלענדער איז ער געווען דער גאָווערנאָר פון ניו אַמסטערדאַם, און די שיפס קאַפּיטאַנען וועלכע פלעגן צופאָרן צום ברעג פון ניו אַמסטערדאַם פלעגן אים רופן דאָס „אייזל מיטן הילצערנעם פוס“.

טויזנטער תירוצים האָט ער אָנגעגעבן ניט אריינצולאָזן קיין אידן אין זיין שטאָדט אריין. ערשטנס קומען אָרעמע

אידן און זיי וועלן פאַלן צו לאַסט אויף דער שטאָדטישער באַפעלקערונג. צווייטנס, אויב אַ אידישער אימיגראַנט האָט יאָ געלט מיט זיך, וועט ער דאָך באַלד אָנהויבן האַנדלען און אָפּנאַרן די בירגער. כאָטש די גאַנצע צייט וואָס ער איז געווען גאָווערנאָר, זיינען געווען אידישע סוחרים אין שטאָדט אויף וועמען קיינער האָט זיך קיינמאָל ניט באַקלאָגט, אַז זיי זאָלן האָבן וועמען אָפּגענאַרט; פאַרקערט, זיי זיינען פאַררעכנט געוואָרן פאַר די פעאיקסטע און פיינסטע סוחרים, אָבער דער גאָווערנאָר האָט ניט געוואָלט האָבן קיין אידן און ער האָט געמאַכט שוועריקייטן ביים לאַנדן. ניט איינמאָל האָבן זיך אידישע אימיגראַנטן געוואַלגערט חדשים לאַנג ביים ברעג און ניט געקענט אַריינקומען אין שטאָדט ביז עס איז אָנגעקומען פון האָלאַנד אַ באַפעל, אַז ער זאָל זיי אַריינלאָזן.

עוזיאלן האָט ער ניט געוואָלט אַרונטערלאָזן, און ער האָט ניט געגלויבט, אַז ער דאַרף געבן עמיצן אַן ענטפער פאַר וואָס. צוויי פון די רייכסטע אידן,ביידע אָנגעזעענע סוחרים אין שטאָדט זיינען געקומען צום גאָווערנאָר און אים געוואָלט איינלעגן מזומן געלט, אַ גאַראַנטי אַז עוזיאל וועט ניט פאַלן צו לאַסט, אָבער ער האָט זיי ניט געוואָלט אויסהערן אפילו און זיי זיינען אַוועק פון אים אַנטוישטע.

עפּעם בלויז דורך אַ נס איז אים געלונגען אַרונטערצוקומען פון שיף. דער גאָווערנאָר האָט געהאַט אַ גאַנצן סכסוך מיט דעם קאַפּיטאַן פון דער שיף וועלכע האָט עוזיאלן אַריינגעבראַכט, די שיף איז געווען אַ האָלענדישע און די מערסטע אַקציאָנערן פון דער געזעלשאַפט זיינען געווען אידן, איז גראַדע יענעם טאָג אָנגעקומען אַן אָרדער פון האָלאַנד צום גאָווערנאָר, אַז ער זאָל אין זיינע סכסוכים מיט דעם קאַפּיטאַן פאַרגעסן און ניט נאָר זאָל ער אויפהערן

צו ברייננגען טענות קעגן אים, נאָר אַלע פּאַסאַזשירן וואָס דער קאַפּיטאַן וועט אַריינברייננגען זאָלן אַריינגעלאָזט ווערן אַן וועלכע עס איז שטערונגען.

דער בייזער גאָווערנאָר האָט זיך אַרומגעדרייט איבערן הויף און געקלאַפּט מיטן הילצערנעם פוס זיינעם און געצופּט די וואָנצעס, ווען א נייע דעלעגאַציע פון אידן און ניט אידן זיינען געקומען אים בעטן ער זאָל אַרונטער-לאָזן עוזיאלן מיטן קינד פון שיף, אָבער זיי האָבן שוין פיל ניט באַדאַרפט בעטן, ער האָט אפילו געמאַכט דעם אָנשטעל אַז ער טוט עס צוליב אָט דער געמישטער דעלע-גאַציע, אָבער זיי האָבן אויסגעפונען אַז דער גאָווערנאָר מיטן הילצערנעם פוס און שטאָלענעם האַרץ האָט ניט געטאָן זיי די טובה, נאָר אַז ער האָט געקראָגן אַן אָרדער צורו לאָזן דעם קאַפּיטאַן און אַרונטערלאָזן זיינע פּאַסאַ-זשירן.

ווען עוזיאל איז שוין געווען אין שטאָדט און האָט זיך אַרומגעקוקט וואו ער איז אין דער וועלט, האָט ער ערשט אָנגעהויבן ווערן פאַרצווייפלט, ער האָט געזען אַז אים וועט אויסקומען פיל צו ליידן דערפאַר, ווייל ער איז אַן אָרימער איד; פאַר זיך וואָלט ער זיך שוין אַזוי פיל ניט געזאָרגט, נאָר ביי אים וואַקסט דאָך אַ קינד אָן אַ מאַמען, מיט וועמען וועט ער אים איבערלאָזן אַז אַלע זיינען אַזוי פיינטלאך צו אַ אידן. איז אים געוואָרן זייער ביטער און ער האָט אָנגעהויבן צו זיין פאַרצווייפלט.

ג.

אָבער איינער פון די שכנים האָט דערציילט צו זיינעם אַ פריינט וועגן אַ נייער קאָלאָניע וואָס איז נאָר וואָס געגרינדעט געוואָרן.

אין דער נייער קאָלאָניע, האָט יענער דערציילט, האָט

דער גרינדער, אַ מאַן מיטן נאָמען ראַדזשער ווילליאַמס, איינגעלאַדן אַלע יענע, וועלכע זיינען אַנטלאָפן פון פאַר-פאָלגונג צוליב זייער גלויבן, אַלע זאָלן זיי קומען אין זיין קאָלאָניע וואו זיי וועלן געפונען פאָלשטענדיקע פרייהייט פון גלויבן. ווי ער האָט דערהערט פון דעם נייעם גאָט געבענשטן ווינקל, האָט ער זיך גלייך אָנגעפרעגט ווי מען גייט אַהין און ווידער גענומען דעם וואַנדערשטאָק אין האַנט און זיך געלאָזט אין וועג אריין, און ער האָפט צו קומען צו יענער קאָלאָניע וואו דער גאָט געבענשטער מענטש ראַדזשער ווילליאַמס האָט דערלויבט יעדן צו דינען זיין גאָט לויט זיין אייגענעם גלויבן און זיין אייגענעם געווויסן.

דער שיין געקליידעטער מאַן, וועלכער איז די גאַנצע צייט געזעסן, זיך צוגעהערט צום געשפרעך צווישן עוזיאלן און דעם באַלעבאָס און געשוויגן, האָט זיך אויפגעהויבן פון זיין פּלאַץ און איז צוגעקומען צו עוזיאלן און האָט אים דערציילט, אַז אויך ער איז געקומען פון שפּאַניען, און אַז כאָטש ער איז אַליין אַ געבוירענער קאַטאָליק, האָט פונדעסטוועגן די אינקוויזיציע אויך אויף אים געוואָרפן אַן אויג, און אַז ער האָט געמוזט אַנטלויפן קיין אַמעריקע, אָבער אויך אין ניי אַמסטערדאַם האָבן אים זיינע קריסטלאכע ברידער געגעבן אַזאַ וואַרימע אויפנאַמע, אַז ער האָט באַשלאָסן ווייטער צו וואַנדערן און דערפאַר איז ער געקומען צו ראַדזשער ווילליאַמס און דער ליבהאָבער פון פרייהייט האָט אים זייער פריינטלאך אויפגענומען און אים געגעבן די האַנט, אַז ביי אים אין קאָלאָניע וועט ער זיך קאָנען לעבן פריי ווי זיין אייגענער געוויסן דיקטירט אים און אַז קיינער וועט אים ניט שטערן צו לעבן און גלויבן ווי ער וויל.

דער באַלעבאָס וועלכער איז געזעסן שטיל און אויסגע-הערט וואָס דער קאַטוילישער גאַסט האָט דערציילט דעם

אידן, האָט זיך אויפגעהויבן און צוגעגאַנגען מיט אַן אויס-געשטרעקטער האַנט זאָגנדיק דערביי:

„און איצט גיב איך דיר, מיין אידישער אורח, מיין האַנט, און זיי מיר געגריסט און ווילקאָמען!"

„די קאָלאָניע ראוד איילאַנד דאַרף אַזעלכע מענטשן וואָס זאָלן זיין אַזוי שטאַרק אין זייער גלויבן און אין זייער ווילן צו לעבן ווי פרייע מענטשן, יעדער מיט זיין גאָט אָבער אַלע צוזאַמען זאָלן לעבן אין פרידן און זיכערקייט".

עוזיאל איז שטאַרק צעטומלט געוואָרן פון די ווערטער און ער האָט פאַר אַ ווײַלע געקוקט ווי צעמישט. ער האָט זיך אַלץ ניט געגלויבט, אַז דאָס שטייט ער שוין ביי ראָדזשער וויליאַמס אין הויז. ער האָט אָנגעכאַפּט די האַנט פון באַלעבאָס, זי שטאַרק געדריקט און מיט טרערן געמישט פון מורא און פרייד האָט ער אין אַ צעבראָכענער שטימע אויסגעשריען: „גאָט, איז דאָס מעגלאַך? איז דאָס ניט קיין חלום?"

"זענט איר דאָס דער מלאך פון פרידן, דער דערלייזער פון די אַנטוישטע און דערשלאָגענע אין דער נייער וועלט?!"

וויליאַמס האָט אַרויפגעלעגט זיין האַנט צו עוזיאלן אויפן אַקסל און האָט אים געבעטן, אַז ער זאָל זיך באַרו-איקן, אַז ער וועט דאָרט לעבן ווי אים אַליין וועט געפעלן, און ער וועט זיך ניט דאַרפן שעמען צו זיין אַ איד.

די גרויסע צוויי אויגן וואָס האָבן פריער אויסגעדריקט צווייפל און וואונדער האָבן מיטאַמאָל אָנגעהויבן רואיקער צו ווערן, בלויז צוויי קליינע פייערלאַך האָבן פון דאָרט אַרויסגעשיינט, וועלכע האָבן מענדעסן אַ באַזונדערן חן צו געגעבן.

„איז דאָס ראוד איילאַנד?" האָט ער שטיל ווי זיך אַליין געפרעגט.

"דער געגנט איז נאָך דערוויילע א ווילדער, ניט קיין באַארבעטעטער און די צאָל מענטשן איז נאָך אַ קליינע, אָבער מיט דער צייט וועט עס זיין אַ גרויסער שטאַט און אַלע וואָס וועלן קומען אין דעם שטאַט וועלן דאָ קאָנען לעבן פריי. קיינער וועט קיינעם ניט שטערן צו דינען גאָט ווי אים אַליין געפעלט — אַ היים פאַר אַלע פרייע מענטשן אָן אונטערשיד פון גלויבן". אזוי האָט וויליאמס ווידער איבערגערעדט און זיך געשפּילט מיטן קינד.

דער ווינט וואָס האָט די גאַנצע נאַכט געפייפט און געבלאָזן אין די שפּאַלטן פון דאַך האָט אויפגעהערט, מען האָט שוין אויך ניט געהערט דאָס גערויש פון די אָפּגע-בראָכענע צווייגן, וואָס דער ווינט האָט ארומגעהורבעט אַרום די ווענט פון שטוב. און דער קאַטוילישער גאַסט איז צוגעגאַנגען צום פענצטער, האָט אויסגעלאָשן די ליכט וואָס האָט דאָרט געברענט און אָנגעצייגט אויף די רויטע וואָלקנס וואָס האָבן זיך געוויזן דורכן פענצטער.

„דער פרימאָרגן קומט", האָט ער געזאָגט און האָט זיך ארונטערגעלאָזט אויף די קני און געזאָגט זיין מאָרגן תפלה.

וויליאמס האָט ארונטערגענומען אַ גרויסע ביבל פון פּאָליצע ביים טיש און ער האָט גענומען לייענען אַ קאַפּיטל תהילים, נאָכהער האָט ער מיט די הענט פאַרשטעלט דאָס פּנים און אָנגעהויבן זיין מאָרגן תפלה.

עוזיאל מענדעס האָט גענומען זיין טלית און תפלין און מיט אַ האַרץ פול מיט פרייד האָט ער זיך אַוועקגעשטעלט מיטן פּנים צום מזרח וואו ער האָט ארויסגעקוקט דורכן פענצטער, שטיל זיך געשאָקלט און געדאַוונט שטילערהייד און שפּעטער האָט זיך מיט אַ קרעכץ אַרויסגעריסן פון זיין מויל: ותחזנה עינינו בשובך לציון ברחמים.

מנחם האָט נאָך ניט געקאָנט דאַוונען, אָבער ווען אַלע האָבן געדאַוונט האָט ער אָנגעהויבן שטיל ברומען זיין טאַטנ'ס לידעלע: „בטחון, בטחון, בטחון דאַרף מען האָבן. . .

עמא

א

לאו כל אדם זוכה!

—איר הערט? ניט יעדער מענטש איז זוכה, אַמאָל איז אפילו אָן אייגענער טאַטע ניט זוכה צו וויסן וועמען ער פאַרמאָגט.

מיט די ווערטער האָט דער אַלטער עוזיאל אָנגעהויבן דערציילן וועגן עמא'ן.

פון קינדוויז נאָך האָט די קליינינקע עמא געטראָגן אין זיך אַזעלכעס, וואָס קיינער פון די אַרומיקע האָט עס ניט באַגריפן. נאָך איידער זי האָט זיך געשטעלט אויף די אייגענע פיסלאַך, האָט זי שוין אָנגעהויבן צייגן סימנים פון אייגנאַרטיקייט, אָבער דער טאַטע האָט קיין צייט ניט געהאַט צו זען וועמען ער פאַרמאָגט. שטענדיק אַ פאַריאָגטער, אַ פאַרהאַוועטער און באַשעפטיקטער, האָט ער ניט געקענט אין זינען האָבן די קינדער, ווער שמועסט נאָך מיידלאַך. ווער דאַרף עס זיי אין זינען האָבן?—

די איינציקע וואָס האָט יאָ געוואוסט, אַז איר קליינע טעכטערל טראָגט אַ טייערן אוצר אין זיך, איז געווען די מוטער, האָט זי אָבער נאָך קינדער געהאַט און דערצו האָט זי ניט שטאַרק געגלויבט אַז אַ פרוי קען אַמאָל גרויסעס דערגרייכן, האָט זי נאָר פון צייט צו צייט באַדויערט וואָס די קליינינקע האַלט זיך עפּעס מאָדנע און זי געלאָזט, אַז זי, די מאָדנע קליינינקע, זאָל זיך אליין אויסוועבן איר וועלט, אָן דער השפעה פון טאַטע מאַמע. — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — —

אַרום האַלבע נאַכט איז דאָס געווען. אין הויז פון די מאַרטאַרעס זיינען שוין אַלע געשלאָפן און די גאַנצע אי-דישע גאַס איז געווען פאַרזונקען אין נאַכטיקער רו, ווען פלוצלונג האָט אַ שטאַרקער טומל און קלאַפּעריי אין הויז פון די מאַרטאַרעס אויפגעטרייסלט די גאַנצע אידישע גאַס.

סאָלדאַטן זיינען געקומען אַרעסטירן עדגאַר מאַרטאַרע. "עדגאַר איז בלויז זעקס יאָר אַלט", האָבן די עלטערן זיך געבעטן בא די סאָלדאַטן, "עס קען ניט זיין, אַז אַ זעקס יאָריקער אינגל זאָל געווען באַגיין אַזאַ פאַרברעכן, אַז מען זאָל אים דערפאַר דאַרפן אַרויסשלעפּן פון בעט אינמיטן נאַכט און אַריינוואַרפן אים אין תפיסה, עס האָט געמוזט פאַרקומען אַ טעות!" אָבער די טענות און דאָס געבעט פון טאַטע מאַמע האָבן ניט געהאָלפן; מען האָט דעם קליי-נינקן עדגאַר אויפגעריסן פון שלאָף, מיט גוואַלד אים אַוועקגעריסן פון זיינע עלטערן. די קולות פון דער מוטער און פון יונגן קינד, האָבן זיך אַריינגעשניטן אין דער טיפ-קייט פון דער נאַכט און דורכגעפירט אַ גרויל איבער דער גאַנצער אידישער גאַס.

אָבער ניט נאָר די אידישע גאַס, וואו מאַרטאַרעס הויז איז געווען, איז אויפגעטרייסלט געוואָרן, דורך דער גאַרער וועלט האָט זיך דורכגעטראָגן אַ ציטער. עס האָבן זיך אָנ-געהויבן טראָגן פּראָטעסטן פון די גרעסטע און פאַרטגע-שריטנסטע לענדער, עס האָט זיך געטומעלט אין פראַנק-רייך, עס האָט געשטורעמט די אידישע גאַס אין ענגלאַנד און אויך דאָ אין אַמעריקע האָט די נייעס געמאַכט אַן ער-שיטערענדן איינדרוק.

אָבער קיין זאַך האָט ניט געהאָלפן. דער פּאַבסט, וועל-כער האָט די סאָלדאַטן געשיקט, און זיינע אַרויסהעלפער, זיינען געבליבן טויב און שטום, און צו די אלע פּראָטעסטן און ווייגעשרייען האָבן זיי קיין ענטפער ניט געגעבן.

ערשט ווען פרינצן האָבן זיך פאַראינטערעסירט און זיך געווענדעט צום פּאַבסט נאָך הילף, האָט מען אויסגעפונען, אַז דער קלייניניקער עדגאַר, וועלכער איז אַוועקגערויבט געוואָרן פון זיינע עלטערן, איז גע׳שמד׳ט. אַ קריסטלאַכע דינסט מיידל, וואָס האָט געאַרבעט מיט אַ פּאָר יאָר פריער ביי די מארטארעס, האָט דערציילט איר גלח, אַז זי האָט אים, דעם דריי יאָריקן עדגאר, שטילערהייט אָפּגע׳שמד׳ט און די קירכע האָט דערפאַר דאָס קינד צוגענומען.

א נייע געפאר האָט אָנגעהויבן שוועבן איבער די קעפּ פון אידישע עלטערן, זייערע קינדער זיינען אין געפאר אפילו אין דער אייגענער היים. אידן האָבן געהאַט אויס-צושטיין פון פילערליי אומגליקן, פון אינקוויזיציעס, בלבולים, פּאָגראָמען און איצט האָט זיך אַ נייער מין אומ-גליק באַוויזן. אַ אידיש קינד איז ניט זיכער אין אייגענעם ווינקעלע, אפילו אין רואיקע צייטן. אָט די נייע געפאר האָט אָנגעוואָרפן א שרעק אויף די ווייטסטע און אָפּגעפרעמדטע קינדער פון אידישן פאָלק. עס זיינען געגרינדעט געוואָרן געזעלשאַפטן. ניט אידישע שטאַטסמענער האָבן פאַר-שפּראָכן זייער הילף און אידן האָבן אָנגעהויבן צו זוכן מיטלען ווי צו פארזיכערן, אז אידיש לעבן און אידישע קינדער זאָלן ניט זיין אזוי הפקר...

אין אמעריקע האָבן די צייטונגען איבערגעגעבן מיט אַלע איינצעלהייטן די ידיעות פון דעם געפאַנגענעם אינגעלע, ווען די קירכע האָט אָפּגעריסן פון זיינע עלטערן. עמא, וועלכע איז אלעמאָל געווען אַ פאַרטראַכטע, פאר׳חלום׳טע און קיינמאָל ניט גערעדט קיין איבעריק וואָרט, האָט גע-לייענט וועגן דעם און נאָך טיפער זיך פארטראכט.

איר יונגע הארץ איז פאַרקלעמט געוואָרן פון די שרעק-לאַכע ידיעות און ווען זי איז געזעסן ביים פענסטער און ניט אַראָפּגעלאָזט די אויגן פון זון אונטערגאַנג, האָט זי

אַזוי רירלאַז אַריינגעגליטש זיך צוזאַמען מיט דער זון אין דער פינסטערקייט פון דער נאַכט אַריין. אַ שווערער חלום האָט זי אַרומגענומען, געהאַלטן זי געקלאַמערט און געפירט בילדער פאַר אירע אויגן, שרעקלאַכע בילדער: ווי אויסוואורפן, און באַנדעס רויבער באַפאַלן די שטאָט ירושלים, פאַרברענען דעם בית המקדש, הר'גענ'ען פרויען און קינדער, מען פירט די אידישע קינדער געפענטעט אין קייטן, מערדערלאכע רייטער פאָרן אויף ברענעדיקע פערד און מיט לאַנגע, אָנגעגליטע, בייטשן, שמייסן זיי איבער די פלייצעס פון די געפענטעטע יונגע העלדן. יעדער בייטש וואָס ווערט אָפגעלאָזט איבער'ן לייב פון די געפענטעטע ברייננגט אַרויס אַ גאַנצן טייך בלוט. זיי גייען פאַרביי דעם קבר פון דער מוטער רחל. שוועבט זי איבער איר קבר. אַ בלאַסע שטרעקט זי אויס די הענט צום הימל און בעט און וויינט אָן לשון, נאָר איר שטים איז אַזוי דין און אַזוי שניידנדיק, אַז די הימלען שפּאַלטן זיך דערפון, אָבער פלוצלונג ווערט זי פארשוואונדן און מען זעט ניט וואוהין זי איז אהינגעקומען. פונקט ווי מען האָט פריער ניט געזען פון וואנען זי איז געקומען.

באַגינען איז שוין עמא געזעסן ביים פענסטער גרייט, ווי אַלע טאָג, צו באַגעגענען דעם זון אויפגאַנג. זי האָט געלייענט אַ נייע פּאָעמע וואָס זי האָט נאָר וואָס געהאַט אָנגעשריבן, אָבער אַלעמאָל האָבן זיך געביטן די קאָלירן אין איר פּנים, זי איז געוואָרן רויט און בלאַס און מען האָט געקענט זען אַז די יונגע דיכטערין פירט אַ ביטערן קאַמף מיט זיך אליין. איר גאַנצער וועזן האָט געשטורמט, זי האָט געפילט אַז זי מוז עטוואָס אָנשרייבן, אויסדריקן איר צער, וועלכער איז ניט נאָר איר אייגענער, נאָר כאָפּט אַרום מיליאָנען מענשן, אָבער זי האָט ניט געקענט; זי האָט די פּאָעמע צעריסן, א צווייטע אָנגעשריבן און ווידער צעריסן.

ווי אַן אָדלער וועמען מען האָט די פליגלען אונטערגעשאָסן און ער פּרוּאוועט די כוחות ווידער צו פליען, אַזוי האָט עמא אַלעמאָל געפּרוּאוועט זיך הויבן העכער און העכער און איז אַרונטערגעפאַלן... זי האָט דערפילט אַ מאָדנע שוואַכקייט, זי האָט די פּען אַוועקגעוואָרפן. זי טאָר ניט שרייבן וועגן אידן, ווייל זי ווייסט ניט ווער זיי זיינען, וואָס זיי זיינען. כאָטש זי האָט דאָך עפּעס אַ שייכות מיט זיי, האָט זי אָבער אַזוי ווייניק ידיעות וועגן זיי.

אביסל געדיינקט זי יאָ פון זייער געשיכטע: זיי האָבן דאָך אַן אייגענע מלוכה געהאַט, זיינען געקומען די אויס-וואורפן, די נבוכדנצאַר׳ס, זיינען באַפאַלן די אידן, פאַר-ברענט זייער בית המקדש, אויסגע׳הרג׳עט טויזנטער פרוי-ען און קינדער, און די מענער פאַרנומען אַלס געפאַנגענע, זיי פאַרקויפט פאַר קנעכט. אַלעס געדיינקט זי פון יענע צייטן, אָבער וואָס איז נאָכדעם פאָרגעקומען? וואָס האָבן זיי געטאָן וואוהין זיינען זיי אהינגעקומען? און פאַרוואָס זיינען זיי הפקר?

יאָ, זי ווייס, אַז א גרויסע צאָל פון זיי זיינען אין איי-ראָפּא, אירע אייגענע עלטערן קומען דאָך אויך פון יענער זייט ים, פון שפּאַניען און פּאָרטוגאַל, אָבער וואָס נאָך ווייס זי וועגן זיי? אָט דער צווייפל האָט זי שטאַרק געמאַטערט: איר האַרץ האָט זיך געצאַפּלט און געריסן זיך אויסצוגיסן דעם גאַנצן ווייי וואָס האָט זיך אָנגעקליבן דאָרטן, אָבער דער מוח האָט אָפּגעהאַלטן. און וויפיל צער עס האָט זיך אויסגעגאָסן אין די שורות וואָס עמא האָט ווידער אָנגע-שריבן, האָט זי אָבער דאָך געפילט, אַז עס איז ניט אינ-גאַנצן דערזאָגט, וואָס זי דאַרף זאָגן. . . וואָס זי וויל זאָגן.

עמא האָט געפּרוּאוועט מער ווי איינמאָל זיך נאָכצופרעגן בא דער מוטער, בא דער עלטערער שוועסטער, אָבער אַלץ

וואָס זי האָט געקענט פון זיי אַרויסקריגן, איז געווען וועגן דעם יחוס פון די שפּאַניש-פּאָרטוגעזישע אידן, אַז זיי שטאַמען פון דעם העכסטן "אַדעל" פון אידישן פאָלק. די עלטערע שוועסטער האָט גאָר געלאַכט פון איר, און איר אויסגערעדט פאר וואָס זי אינטערעסירט זיך מיט אַזעלכע נאַרישקייטן, אַז אַ יונגע דיכטערין, וועלכע האָט צו זיבעצן יאָר שוין אָפּגעדרוקט גאַנצע צוויי בענדער פּאָעמען, וועמענס נאָמען קלינגט שוין איבער גאַנץ אַמעריקע און פון וועמען קריטיקער רעדן שוין ווי פון אַן אויפגייענדן שטערן אויפ'ן אַמעריקאַנער ליטעראַרישן הימל, אַזאַ דיכטערן, האָט די שוועסטער געפּרואווט איר איינריידן, דאַרף זיך פאַרטיפן אין דער וועלט ליטעראַטור, מאַכן אַ רייזע איבער דער וועלט און באַזונדערס פאַרברייננגען אַ שטיק צייט אין גריכנלאַנד און ניט אין זינען האָבן קיין קליינינקייטן.

עמאַ האָט אָבער קיינמאָל ניט גערעדט צופיל און אויך אויף די טענות פון דער שוועסטער האָט זי ניט געענטפערט, ווידער איינגעשלאָסן זיך אין זיך אַליין, האָט זי אירע נייע לידער געשאַפן, אָבער אַלץ געביינקט נאָך עפּעס נייעס, נאָך עפּעס אין איר שאַפן, וואָס זאָל איר זיין מער אייגן און מער נאָענט צום האַרצן. —

קאָנקאָרד איז אַ קליין שטעדטעלע אין ניו-ענגלאַנד, היינט צו טאָג שפּילט עס מער ניט קיין ראָליע אין לעבן פון אַמעריקאַנער, אָבער מיט יאָרן צוריק האָט דער נאָמען קאָנקאָרד געקלונגען איבער גאַנץ אַמעריקע. די אויגן פון דער אינטעליגענץ, ניט נאָר פון אמעריקע נאָר אויך פון אייראָפּע, זיינען געווען געווענדעט צו אָט דעם שטעטל —קאָנקאָרד.

דאָרט האָט געוואוינט איינער פון די נביאי אומות העולם, ראַלף וואַלדאָ עמערסאָן, דער ערשטער אַמעריקאַנער פי-

לאָזאָף. ער האָט דעם נייעם לאַנד צוגעגעבן אַ היבש ביסל חן אין די אויגן פון דער וועלט. אפילו יענע איירעָפּייער, וועלכע האָבן חוזק געמאַכט פון דעם נייעם לאַנד, וואוהין עס זיינען געלאָפן "פאַרברעכער, שלימיעלס און אַוואַנטיו-ריסטן", אפילו זיי האָבן געביטן דעם טאָן ווען מען האָט זיי דערמאָנט עמערסאָנ'ען מיט דער גרופּע דיכטער און אַנדערע קינסטלער, וועלכע האָבן זיך געקליבן ארום אים.

יעדער אמעריקאנער אינטעליגענט און אפילו א גרויסע צאָל אויסלענדישע געסט, האָבן דריבער געזוכט די גע-לעגנהייט צו זיין אין קאָנקאָרד.

אַזוי ארום האָט דאָס שטעדטל, וואָס איז געלעגן ווי איינגעפּרעסט אין אַ שיינער אידיליע פון אַ בעלעטריסט, זיך צוגעוויינט צו זען יום טוב'דיגע פּנימער פון די געסט וואָס פלעגן קומען באַזוכן די גרויסע מענטשן פון עמער-סאָנ'ס קרייז. אַ גאַנצע וואָך האָט דאָס שטעדטל געזען יום טוב'דיג געקליידעטע מענער אין שווארצע פראַק און הויכע צילינדער-קאַפּעליושען און פרויען אין צעשפּרייטע קאַראָלינעס און ברייטע היטלאַך לויט דער לעצטער מאָדע.

קיינער האָט דריבער ניט באַמערקט די יונגע, צאַרטע מיידל, איינפאַך געקליידט, אָן דער מינדסטער אָנגעצויגנ-קייט, אָבער וועלכע האָט געצויגן די אויפמערקזאַמקייט פון אַלטן פילאָזאָף מער ווי אַלע איבעריקע געסט, וואָס פלעגן אַזוי אָפט קומען צו אים.

ווען עמערסאָן איז אמאָל געזעסן ביי א גלעזל טיי ארום-גערינגלט מיט זיינע אינטימסטע פריינט און חברים, צווישן וועלכע עס זיינען געווען די גרעסטע דיכטער פון יענער צייט, האָט עמיצער אַרויפגעפירט אויף אַ שמועס וועגן אידן. עס איז געקומען צו רייד וועגן אַ גרויסן פראַנ-צויזישן קינסטלער, וועמען די גאַנצע וועלט האָט געהאַלטן

פאר א ריינעם פראנצויז, נאר א דאנק דעם פאל פון דעם מארטארא אינגעלע, איז מען געוואר געווארן, אז ער איז א איד.

אלע האבן זיך מיט נייגער אריינגעווארפן אין דעם שמועס און עס האבן ניט געפעלט קיין שבחים וועגן אידן בכלל, מען האט גערעדט וועגן די נביאים און וועגן משה מאנטעפיארע און וועגן דיזראעלי אין איין אטעם, אבער עס האבן אויך ניט געפעלט א פאר ציניש באמערקונגען. א פאר האבן אפילו זיך דערלויבט צו גיין אזוי ווייט אין זייערע אידנפיינטלאכע באמערקונגען, אז עמערסאן האט גלייך באשלאסן ארונטערצופירן דעם עולם פון דער טעמע. ער האט גענומען פארלייענען די פאעמע וואס עמא לאזארוס האט אים געווידמעט.

—„אזא יונגע און שוין אזוי גרויס! האט איינער באמערקט.

—"אמת'ע גריכישע קונסט!" האט אויסגערופן א צווייטער.

אבער א ציניקער גיט ניט אזוי שנעל נאך, און איינער האט זיך גענומען וויצלען, אז די אמעריקאנער דיכטערין קען אפילו ניט די "בארוועסע וואס האבן ארומגעשפרונגען אויף די בערג פון יהודה און נביאות געזאגט"... און פונדעסטוועגן איז פאראן אין איר דיכטונג עפעס נביאישעס... איינע פון די פרויען האט זי גענומען פארגלייכן מיט דער גריכישער דיכטערין סאפא, אבער דער אלטער עמערסאן האט זיך אויפגעהויבן אביסל נאכגעטראכט און א זאג געטאן, אז אין דער פאעמע פילט זיך נאטירלאכערווייז די גרויסקייט פון א קינסטלערין וועלכע פארקערפערט אין זיך קינסטלעריש די שיינקייט פוןביידן: אי פון א "ווענוס" אין פון א "שולמית". ווען ער טראכט פון דער שיינקייט

פון דער אַמעריקאַנער דיכטונג, דערשפּירט ער באַלד די טריט פון דער יונגער עמאַ'ן, וועלכע האָט שוין, אין אירע ערשטע לידער, געבראַכט מיט זיך די וואָרט קונסט וואָס אירע עלטערן האָבן איר בירושה געגעבן מיט דער "ביבל" און די וואונדערלאַכע פאַרשטעלונגס קראַפט וואָס זי האָט אַזוי ווירדיק גענומען ביי די העלענער, זי ברייננגט אָט דעם וואונדערבאַרן צווילינג צו אַמעריקע און עמערסאָן איז דער ערשטער צו באַגרוסן איר צום ערשטן מאָל בא זיין טיש, ווען ער געפינט זיך אין געזעלשאַפט פון זיינע אינטימסטע פריינט און חברים.

עמערסאָן האָט זיך געלאָזט גיין צו עמאַ'ן, וועלכע איז ביים צווייטן זייט טיש געזעסן, געטרויטלט זיך און אַרונטערגעלאָזט די אויגן, אַז מען זאָל זי ניט באַמערקן, ווען צוויי פון די יונגע וויצלער האָבן גענומען זיך זעגענען מיט אים און מיט די פאַרזאַמלטע און זיינען אַוועק. ער איז צוגעקומען נעענטער צו עמאַ'ן און געצייגן איר אויפמערקזאַמקייט, אַז די יונגע לייט וואָס פאַרלאָזן אַזוי אין איילעניש האָבן נעבאַך אַ האַלבע וועלט פאַרלאָרן... עמאַ, וועלכע האָט דעם גאַנצן אָוונט געשוויגן, האָט אַלס דאַנקבאַרקייט צו איר לערער און פאַרערער, צוליב עמערסאָנ'ען, געענטפערט, אַז זי ווייסט ניט צי יענע האָבן טאַקע עפּעס פאַרלאָרן, נאָר אז זי אליין האָט נאָר וואָס א האלבע וועלט געפונען...

עמערסאָן האָט מיט פאָטערלאכער נאָענטקייט אָנגעוויזן דער יונגער דיכטערן אַז אין לעבן דאַרף מען זיין גרייט צו באַגעגענען אַפילו אַ פערזענלאַכע באַליידיגונג אַמאָל פון אַ טפש, און געווים דאַרף אַ מענטש מיט פאָעטיש צאַרטע געפילן מוחל זיין אַזעלכע קליינינקע מענטשעלאַך, ווי די יעניקע וואָס האָבן נעבאַך פאַרלאָרן דעם באָדן פון הינטער זייערע פיס און געמוזט אַנטלויפן... — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

עמערסאָן האָט יענעם אָוונט בא דער יונגער דיכטערן אַזוי זיך באַליבט געמאַכט, אַז זי האָט אים שוין קיינמאָל ניט פאַרגעסן. זי האָט אין איר באַשיידנקייט געזוכט צו פאַרגעסן, אַז זי איז געווען עמערסאָנ׳ס גאַסט, וואָס דאָן איז דאָס געווען דער גרעסטער כבוד וועגן וועלכן די יונגע דיכטער האָבן גע׳חלומ׳ט, אָבער זי האָט ניט געקענט פאַר-געסן וואָס ער האָט איר געזאָגט: "מען דאַרף זיין גרייט צו באַגעגענען! " יאָ, מען דאַרף טאַקע זיין, אָבער איז זי עס, איז זי גרייט דערצו? דאַרף מען ניט זיין צוגעגרייט מיט וועלכן עס איז ווייסן, כאָטש, וועגן דעם ענין איד... אידיש... אידנטום...?

ווי אַ דורשטיקער אין דער מדבר כאַפּט זיך צו פרישער קוואַל וואַסער, אַזוי האָט עמאַ זיך געוואָרפן צו אַלץ וואָס האָט געהאַט אין זיך ידיעות וועגן איר פאָלק אין אַלע לענדער; זי האָט געזוכט די אידישע דיכטונג פון אַלע צייטן און האָט זי געפונען. שטיל, ווי אַלעמאָל איינגעשלאָסן אין זיך אַליין, האָט זי וויטער געוועבט אירע חלומות, אָבער צו דער זעלבער צייט האָט זי זיך באַקאַנט מיט די חלומות פון אַנדערע אידישע דיכטער; זי האָט זיך פאַר-קליבן אין מיטלאַלטער און געבראַכט פון דאָרט פערל, וואָס זי האָט געפונען אין די לידער פון יהודה הלוי, שלמה אבן גבירול און די אבן עזראס; זי האָט איבערזעצט אייניקע פון זייערע פאָעמען פאַר אירע נאָענטע און געשעפּט נחת דערפון וואָס זי קען אירע פריינט באַקענען מיט די אוצרות וואָס די אידישע ליטעראַטור האָט געשאַפן אין אַלע צייטן. זי האָט זיך באַקענט מיט אַלץ וואָס איז אַרוים פון דער פען פון באַרימטן הענריך היינע און מיט׳ן פולן מויל האָט זי געטרונקען פון אַלע שטראָמענדע קוואַלן, וואָס זי האָט אויף איר פאָרשונגס וועג געפונען און וואָס מער זי האָט זיך פאַרטיפט אין די אידישע ענינים אַלץ רייכער איז געוואָרן איר שעפערישער כוח.

עמא

ווי אַן אַדלער איבער וואָלקנס געטראָגן, האָט זי זיך דערהויבן איבער גאַנצע בערג פון צרות און גאַנצע ימים אידישן בלוט און טרערן און מיט אַזוי פיל האַרציקייט דערציילט וועגן דעם. מיט אמת קינסטלערישע דערהויבונג האָט זי די גרויסקייט פון די געפאַלענע געבראַכט.

אין סאמע ברען פון איר קינסטלערישער שעפערישקייט האָט דעם אידישן פאָלק אַ נייער אומגליק געטראָפן: דער צאַר האָט באַשלאָסן פטור צו ווערן פון די אידן וואָס האָבן זיך געפונען אין רוסלאַנד. ער האָט באַשלאָסן צו מאַכן אַ סוף צו זיי אויף פאָלגענדן אופן: איין דריטל זאָל מען אָפּ׳שמד׳ן, איין דריטל זאָל מען פאַרטרייבן פון לאַנד און איין דריטל פון די אַלע אידן זאָל מען אוים׳הרג׳ענען. אַ פאָגראָם כוואַליע האָט זיך דורכגעטראָגן דורך דער גאַנצער ליינג און ברייט פון תחום המושב; אידיש לעבן איז געוואָרן הפקר און אידן האָבן ווי צעשראָקענע האָזן זיך געלאָזט לויפן אין דער וועלט אַריין. טויזנטער און צענדליקער טויזנטער האָבן זיך צו די ברעגעס פון דעם נייעם לאַנד דערשלאָגן און עמא האָט זיך מיט איר גאַנצער ענערגיע אַריינגעוואָרפן אין דער פשוט׳ער, רוטינער אַרבעט צו העלפן די ניי אַריבערגעקומענע פון יענעם צאַרישן לאַנד. ווי אַ מוטער האָט זי די פרעמדע אידישע קינדער אויפגענומען און מיט דער גאַנצער צערטלאַכקייט פון אַזאַ פיינפילנדיקער פרוי האָט זי זיי געהאָלפן זיך איינצואָרדנען אין דעם נייעם לאַנד. איבער דער גאַנצער וועלט האָט זיך צעקלונגען דער נאָמען פון דער גוטהאַרציקער עמא לאַזאַרוס. אַ נייע עמא איז פאַר דער וועלט דערשינען. אַן עמא וואָס העלפט פרעמדע זיך צו געפינען אין אַ פרעמדן לאַנד, וועלכע זאָרגט פאַר די שוין אָנגעקומענע און די וואָס דאַרפן נאָך קומען. צו יעדער שיף האָט זי אַ וואַרימען און ליבלאַך שמייכל געבראַכט, וועלכער האָט אָנגעזאָגט די

פון דער אַלטער וועלט אַרויסגעשטויסענע, אַז דאָ וועלן זיי זיך אָפּרוען פון פאַרפאָלגונגען. אָט דאָ וועט די גוטע עמאַ זיין זייער פאַרטיידיקער און האַלטן וואַך איבער זיי ביז זיי וועלן זיך צו עפּעס צושלאָגן.

יעדע שיף וואָס האָט זיך צו די ברעגעס דערנעענטערט, האָט אָבער אויך געבראַכט די גאַנצע שווערקייט פון אידישן אומגליק און עס איבערגעלאָזט אויף דעם איידעלן האַרצן פון דער פיינפילנדיקער עמאַ. עס האָט מיט אַזאַ שווערקייט אָנגעהויבן פּרעסן איר האַרץ, אַז זי האָט אָנגעהויבן צוזאַמענצעברעכן. יעדער טאָג האָט אָנגעהויבן די שוואַכע עמאַ שוואַכער צו ווערן און זי האָט געזוכט טרייסט און רו אין אַ רייזע איבער ווייטע לענדער, אָבער וואָס ווייטער זי איז געפאָרן, וואָס מער זי האָט נייע לענדער באַזוכט, אַלץ מער האָט זי זיך באַקענט מיט נייע פאַקטן וועגן אידישן לעבן און אַלץ מער האָט איר דיכטעריש האַרץ פאַרנומען די אַלע שווערקייטן וואָס באַגלייטן אירע פאָלקס ברידער אין אַלע לענדער און זי האָט באַוואונדערט די מערקווירדיקע מאַרטירער פון אַלע צייטן און זיי פאַרגעשטעלט פאַר דער וועלט. — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — —

אין נאָרדהויזן איז אַ אידישע קהילה געווען. אידן האָבן דאָרט געוואוינט פאַר דורות לאַנג, האָבן געאַרבעט און געהאַנדלט, געגלויבט אַז משיח וועט קומען און געצאָלט דערווייל דעם פּרייז אַלע צינזן און געפילט ווי אין דער היים. אָבער ניט באַשערט איז געווען אידן אפילו אין נאָרדהויזן צו לעבן בשלום.

איז ערב שבת אַריינגעפאָרן עפּעס אַ משולח מיט אַ גבאי אין שטעדטל אַריין, דאָס שטעדטל פלעגט זיך אַלעמאָל משמח זיין ווען אַן אורח איז געקומען, האָט מען אויך דאָס מאָל זיך געפרייט, וואָס אַ חשוב'ער גאַסט איז גע-

קומען, קוקט אוים ווי אַן אַלטער רב. שבת פרי איז די שול געווען איבערגעפּאַקט מיט אידן אויסגעפּוצטע אין זייערע טייערסטע מלבושים, די פרויען אין זייערע שטערנטיכלאַך און אויערינגלאַך האָבן געעפנט די פענסטערלאַך פון עזרת נשים און זיך צוגעהערט, וואָס דער אַלטער שיינער אורח האָט פון באַלעמער אָנגעהויבן צו דערציילן, וועגן בלבולים וואָס מען טראַכט אוים אויף די אידן אין די שטעדטלאַך, אַז זיי הרג'ענען קריסטלאכע קינדער און נוצן זייער בלוט פאַר די מצות, און אַז אידן פאַר'סמ'ען די ברונימער און דערפאַר שטאַרבן אַזוי פיל קריסטן אַז אין מאַגדעבורג האָט מען אַלע צוויי טויזנט אידן פאַרטריבן אויפ'ן בית עולם און זיי דאָרטן פאַרברענט לעבעדיגערהייט... אַז אידן דאַרפן תשובה טון... דאַרפן אָנהויבן טראַכטן וועגן גיין צוריק אין לאַנד פון די אבות... דער עולם וואָס איז פון די ידיעות פריער געשטאַנען ווי פאַרגליווערט, האָט אָנגעהויבן צו וויינען, פון דער ווייבערשער שול האָט זיך אָנגעהויבן צעטראָגן היסטערישע קולות און ווי געשרייען.

אָבער פלוצלונג האָט דער גבאי פון שול אַ קלאַפּ געטאָן און אויסגערופן: "גענוג!"

ביז איצט האָט ער אויסגעהערט דעם חשובן גאַסט און געשוויגן, ער האָט געוואוסט, אַז אין די שטעדטלאַך ארום איז ניט פריילאַך, אַז אידן ווערן געצוואונגען צו שמד, אַז מען פאַרברענט אידן לעבעדיקערהייט, אַז גזירות קומען ארוים אַלעמאָל שרעקלאכע און אַז עס האַלט מיט אידן שמאָל אין זייער לאַנד, אָבער וואו איז דען בעסער? די גזירות זיינען אין אַלע לענדער שווערע און גרויזאמע אָבער אין יעדן לאַנד זיינען פאַראַן אויסנאַמען, ניט אַלע פריצים זיינען ווילדע און נאָרדהויזן האָט זוכה געווען צו האָבן אַזאַ פריץ וואָס האָט אַ גוט האַרץ און אַז די אידן פון נאָרדהויזן דאַרפן נאָר אין זינען האָבן ניט ארונטער-

צוגיין פון גלייכן וועג, זיין פרום און אָפּהיטן די מצוות, זיי וועלן ניט ווערן גערודפט ווי זייערע ברידער אין די אַנדערע שטעטלאַך אין לאַנד.

נאָך איידער דער גבאי האָט געענדיקט זיין רעדע, האָט שוין דער גביר פון שטעדטל, טאַקע אַן אייגענער פון גבאי, זיך צוגערוקט נעענטער צום גבאי און אַוועקשטופנדיק אים מיט׳ן עלנבויגן, האָט ער אָנגעהויבן דערציילן די גרויסקייט און גוטסקייט פון זייער האַר, דעם פריץ פון נאַרדהויזן.

ער, דער גביר פון שטעדטל, האַנדלט שוין מיט אים, מיט דעם האַר, פאַר יאָרנלאַנג און אַ דאַנק זיין גנאָד האָט מען געקראָגן דאָס שטיקל ערד אויף וועלכן די שול איז געבויט אינגאַנצן פריי; אַז דער פריץ וועט קיין מאָל ניט דערלויבן צו הויבן אַ האַנט אויף די אידן פון נאָרדהויזן, פון וועמען ער קריגט נאָך אַלעמען אַ גאַנץ נשקשה׳דיקן פאַרמעגן אַריין יעדן יאָר.

דערביי האָט דער גבאי ניט פאַרגעסן הינטערצעשטרייכן זייער שטאַרק, אַז ער אַליין איז דאָך נאָכאַלעמען דער, וואָס האָט איינצושטעלן מער ווי ווער עס איז אין שטאָדט און אַז ער אַליין האָט קיין מורא ניט, פאַרוואָס זאָלן די איבעריקע זיך שרעקן? ער האָט אויך ניט פאַרגעסן אָנ-צודייטן, אַז סך הכל ליגט דאָך דער פריץ ביי אים, ביים אידישן גביר אין קעשענע״.

דער אַלטער אורח, וועלכער האָט מיט צווייפל אויף זיין בלאַסן פּנים אויסגעהערט די טענות, האָט אויפגעהויבן די הענט און אויסגערופן: — וויי צו די אויערן, וואָס ווילן ניט פאַרנעמען די וואָרנונג! אַ שרעק האָט אָנגעפילט די שול און איינגעפרעסט זיך אין אַלע ווינקעלאַך. דער גביר

האָט די שטימונג איבערגעריסן, ער האָט אַ קלאַפּ געטאָן אין טיש און אויסגערופן: מוסף דאַוונען!

— — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — —

דער מאַגיסטראַט, די שטאָדט פאַרוואַלטונג אין נאָרדהויזן, האָט זיך פאַרזאַמלט און געשיקט רופן דעם אידישן גביר, דעם פאָרשטייער פון שטעדטל און מקורב פון פריץ.

די אידן אין נאָרדהויזן האָבן קיינמאָל ניט חושד געווען קיין זאַך, ווען מען האָט זייער גביר גערופן צום שטאָדט ראַט; זיי האָבן געוואוסט, אַז דער איד ווערט גערופן אָפט צו געבן אַן עצה דעם ראַט, אָדער צו קריגן אַן הלוואה פאַר דער שטאָדט און קיינער האָט ניט איבערגעטראַכט ווען מען האָט געזען צוויי רייטער גאַלאָפּירן איבערן שטאָדט און פירן דעם גביר צום ראַטהויז.

באַלד אָבער האָט זיך אַ שווידערלאַכע ידיעה צוטראָגן איבער דער גאַנצער שטאָדט; דער אידישער גביר איז געשטאַנען ביי דער שול און געוואַרט, ווייל צוויי רייטערס האָבן זיך געיאָגט איבער די גאַסן און גערופן אַלע אידן אין שול אַריין. — קינד און קייט טראָגן זיך צו דער שול. מען לויפט מיט שרעק אין די אויגן און פאַרצווייפלונג אויף די פנים׳ער, דער גביר פון שטאָדט שטייט אַ בלאַסער ווי א מת, מען זעט ווי ער מאַטערט זיך צו עפענען זיין מויל און קאָן ניט, עס ציטערן זיינע ליפּן, דאָס מויל עפנט זיך לאַנגזאַם און ער רופט אויס:

״שטאַרקט אייך, אידן, און הערט אויס די פינסטערע בשורה, די בשורה פון טוידט״! ער האָט דערציילט ווי דער שטאָדט ראַט האָט אים גערופן אויסצוהערן דעם אורטייל איבער די אידן פון נאָרדהויזן. אין עטלאכע שטונדן אַרום

וועט מען אַלע אידן אומברייינגען אויף אַ ספּעציעלן שיי־טערהויפן, וועלכער ווערט שוין צוגעגרייט פאַר זיי.

ער האָט דערביי געמאָלן דאָס בילד, ווי ער האָט בייגע־וואוינט דעם אורטייל. בלויז איינער! פון אַלע פאָרשטייער פון שטאָט ראַט, האָט בלויז איינער געוואגט צו שטעלן זיך קעגן און פרעגן וואָס עס זיינען די באַווייזע, אַז די אידן פון נאָרדהויזן האָבן די ברונימער פאַר׳סמ׳ט. איינער בלויז! די איבעריקע האָבן אפילו ניט איבערגעפרעגט, וואָס מען האָט זיי דערציילט האָבן זיי געגלויבט און ארויסגעטראָגן דעם אורטייל: "טויט!"

אָבער, האָט דער גביר פאָרטגעזעצט, עס איז ניטאָ קיין צייט צו טראַכטן, ביז דער לעצטער מינוט, וועט ער נאָך פּרואוון, אפשר וועט ער ערגעץ קריגן אַ מעגלאַכקייט צו לאָזן וויסן דעם האַר, דעם פּריץ פון שטאָדט, וועלכער האָט אים שוין ניט גערופן צו זיך איבער אַ וואָך צייט.

דערווייל, זאָלן אלע גיין אהיים צו זייערע הייזער און צוזאמענקלייבן אַלע זייערע טייערע חפצים, און קיין ווערטפולע זאכן זאָלן ניט איבערגעלאָזט ווערן אין דער שול, אַלעם זאָל מען מיטנעמען צום שייטערהויפן אַזוי, אַז די שטאָדט באַלעבאַטים זאָלן ניט האָבן וואָס צו ירשענען פון די אידן.

ווען די פינסטערע שעה האָט געשלאָגן, זיינען די שטאָט טאַטעס געשטאַנען, געקריצט מיט די ציינער און געשרי־ען: "אַזעלכע קמצנים, נעמען מיט זייער האָב און גוטס אין פייער אַריין"! די גאַנצע עדה אידן האָט מיט תפלות און תהילים געזאַנגען, אריינגעטאַנצט אין פייער אריין . . . און פון די פלאַמען האָבן זיך געריסן ארויף צו די הימלען א טויטן טאַנץ מיט געזאנג.

— — — — — — — — — — — — — — — —

ווען עמא האָט די אומגליקלאכע פאָלקס ברידער אירע געזען אין די טויזנטער קומען, קוים מיט'ן לעבן אנטלאָ-פענע פון דער צאַרישער מדינה, האָט זי אָנגעהויבן זיך צו דערמאָנען אָן די רדיפות פון פארשיידענע צייטן, זי האָט דערזען אַלע בילדער פון די מאַרטירער אין דער אי-דישער פאַרגאַנגענהייט, וועלכע האָבן זיך איינגעפרעסט אין איר זכרון און איינע פון אָט די בילדער פון נארד-הויזן האָט זי פארשריבן אין דער דראַמע "דער טאַנץ צום טויט".

אין יענער צייט האָט עמא דערזען די גריכישע קונסט גאָר פון אַן אַנדער ליכט, זי האָט דערפילט, אַז איר פאַר-געטערונג פון אַלץ וואָס האָט געהויכט מיט גריכישער פאַרגאַנגענהייט, האָט אין זיך צופיל גרויזאַמקייט, און אין איינע פון אירע פאָעמען, וואָס זי האָט געוואָלט אין איר אויסדריקן דעם ווערט פון איר נייעם לאַנד, פון דער נייער אַמעריקע, זינגט זי גאַנץ אַנדערש, ווי אין אירע ערשטע יאָרן, ווען זי האָט נאָך געאָטעמט מיט אַלץ וואָס איז איר שפּעטער געוואָרן פרעמד.

"ניט ווי אַ חוצפה'דיקער ריז, וועמעס זיגערישע פיס עס זיינען צושפּרייט פון לאַנד צו לאַנד, זאָל שטיין ביי די פון ים געוואשענע טויערן, נאָר אַ מעכטיקע פרוי, מיט אַ פאַקל וועלכע זאָל ווי אַ מאַמע פון געטריבענע אויסשרייען אַ ברוך הבא צו אַלע אַרויסגעשטויסענע, און צו די אַלטע לענדער זאָל זי שרייען: "גיב מיר דיינע אָרימע, דיינע מאַסן, וואָס רייסן זיך צו אָטעמען פריי. . .

גאַנץ אַנדערש, ווי אין די ערשטע יאָרן פון איר דיכטונג. דער טאָן איז אַ טאָן פון אַן אַנדערער, פון אַ נייער עמא, וועמעס נאָמען האָט זיך צעטראָגן איבער אַלע לענדער פון וואַנען אָרימע און דערשלאָגענע זיינען געלאָפן צום נייעם

לאַנד, וואו עמאַ האָט איר מוטערלאכע ליבע געגאָסן ווי אַ רעגן אויף די פאַרוואָגלטע וואָס האָבן צו די טויערן פון אַמעריקע דערגרייכט.

אויף די ווענט פון דער סטאַטוע פון פרייהייט, וואָס שטייט ביי די טויערן פון אַמעריקע, איז אויסגעקריצט אין בראָנז אַ ליד, אַ פּאָעמע, אין וועלכער די סטאַטוע פון פרייהייט דריקט אויס דעם ווילקאָמען צו פרעמדע און פאַרוואָגלטע.

דעם תוך, דעם זינען פון דער סטאַטוע פון פרייהייט, האָבן פּאָליטיקער שוין לאַנג פאַרשוועכט, אָבער די ווער-טער אויסגעקריצט פון עמאַ'ס האַרצן אָפן האַרץ פון דער סטאַטוע, וועלן קיינמאָל ניט אָנווערן זייער באַדייטונג...

עמאַ אליין האָט שוין אָנגעהויבן דערפילן, אַז ניט אַלעס ווערט אין דעם נייעם לעבן גיין כשורה, און אַז ניט אַלעמאָל וועלן פאַרשטויסענע און געטריבענע קענען קומען צו די פון ים געוואַשענע טויערן פון אַמעריקע און איר איז נאָך שווערער געוואָרן, איר גרויס האַרץ האָט ניט איבערגע-טראָגן די שווערינקייטן פון דער מורא, וואָס עס קען ווערן פון דעם נייעם לאַנד, ווען אַלע געטריבענע וועלן זיך לאָזן אַהערצו און זי האָט ניט איבערגעטראָגן, זי איז געשטאָרבן נאָך גאָר אַ יונגע פרוי.

זי איז געשטאָרבן, נאָר איר פּאָעמע איז אויפגעשריבן אויף דער סטאַטוע און די סטאַטוע מאָנט דורך די ווערטער פון עמאַ'ן דעם זין פון איר זיין דאָרט.

אַלע ווייסן דאָס, נאָר דער אייגענער פאָטער פון עמאַ'ן האָט ניט געוואוסט די שווערינקייטן, וואָס זיין שיינע טאָכטער האָט דורכגעלעבט, וואָס זי האָט אויסגעוויטיקט אין איר נשמה און דערפאַר האָט זי קיינמאָל ניט געהאַט קיין צייט פאַר זיך, שטענדיק נאָר געזאָרגט פאַר יענע, די פאַראומגליקטע, געיאָגטע און פאַרטריבענע.

עמא

איר פאָטער האָט ניט זוכה געווען, ווייל ניט ער האָט געלערנט זיין טאָכטער צו זיין דאָס וואָס זי איז געוואָרן, נאָר פרעמדע האָבן זי אָרויפגעשטויסן אויף איר אייגענעם וועג. איר פאָטער האָט ניט געוואוסט וועגן דעם אַלעמען. אַלץ וואָס אים האָט באַאומרואיקט איז געווען וואָס עמא האָט גאָר קיינמאָל ניט געטראַכט וועגן אַ תכלית פאַר זיך אַליין און וועגן אייגענעם גליק, וואָס זי וואָלט געווען גע-קענט האָבן זייער פיל, אָבער... ווי זאָגט מען: לאו כל אדם זוכה!...

צעווארפן די סוכה

שלמה'לע האט מיטאמאל דערפילט אז עפעס אן ענדערונג איז פארגעקומען אין הויז. ווי ער האט נאר אויפגעעפנט די אויגן האט ער דערזען זיין מאמען איבערגעבויגן איבער זיין בעטל און זי האט אים גענומען צערטלען און גלעטן און אויסגעקושט האט זי אים יעדן אבר איידער זי האט אים פון בעטל ארויסגענומען.

זי האט אים דערביי אנגעוויזן אויף א נייעם ווייסן „סוועטהערל" וואס דער „פאפא" האט אים געבראכט, א פאר שיינע קורצע הויזקעלעך און א פאר לאנגע זאקן. ווען זי האט אים גענומען אנטון האט זי אים אלץ גע-טוליעט צו זיך און אים דערציילט ווי שיין ער וועט אויסזען אין דעם „ספארט" אנצוג און ווי די חברים וועלן אים מקנא זיין אין „סקוהל", אבער ער זאל זיך היטן און ניט פארשמירן זיך היינט און דעם גאנצן טאג זאל ער אין זינען האבן אז ער דארף היינט זיין ציכטיק און ריין, ווייל היינט וועלן אנקומען צו זיי זער חשוב'ע געסט.

— געסט? — האט שלמה'לע א כאפ געטאן מיט אימפעט און זיינע צוויי אויגעלעך האבן גענומען שפריצן מיט פייער פונקען: געסט? ווער זיינען זיי, די געסט? האט ער אן איבעראשטער געפרעגט.

שלמה'לע איז געווען א פארשטענדיג קינד, כאטש ער איז געווען בלויז אכט יאר אלט, האט ער אבער אמאל געפירט א געשפרעך ווי אן אלטער מענטש. עס האט שוין

אַמאָל אפילו פּאַסירט אַז זיין פאָטער איז שיר פאַרשיקט געוואָרן אין תפיסה צוליב דער באַרעדיווודיקייט פון דעם קליינעם שלמה׳לע. דער פאָטער האָט זיך דעריבער געהיט פאַר אים און קיינמאָל אין זיין אַנוועזנהייט ניט גערעדט מיט קיינעם.

פּאַסירט האָט עס אַזוי: איינער פון די באַרימטע דעטעקטיווס פון דער נאָענטער שטאָט, פלעגט אָפּט אַריינקומען צו שלמה׳לעס פאָטער אין „סאָפט דרינק פאַרלאַר" און דאָרט פאַרברענגען אַ לענגערע צייט. ער האָט געשמועסט מיט די געסט און קונים וואָס פלעגן דאָרט אָפט אַריינקומען, אָפּזיצן שטונדן לאַנג און ער איז גאָר געווען אַ גאַנצער גוטער ברודער מיט שלמה׳לעס פאָטער. איינמאָל האָט זיך דער דעטעקטיוו געוויצלט מיט מאַיקן, אַ באַקאַנטער שיכור אין שטאָט, וואָס האָט געשמ׳ט פאר א בריליאַנטענעם מענטשן, מיט אלע מעלות נאָר די גרעסטע מעלה זיינע איז געווען וואָס ער איז געווען קלוג און זער שאַרף אין זיין חכמה, ווען ער איז געווען פאַרטרונקען... נו, האָט זיך דעם דעטעקטיוו פאַרוואָלט מאַכן א ביסל שפּאַס פון מאַיקן און האָט אים אָנגעהויבן אַריינזאָגן שטעכ-ווערטלאך און מאַיק האָט אים גראַדע פאַרשוויגן, ער האָט אויף אַ לייכטן אופן אים געענטפערט דאָס ערשטע מאָל און אַ צווייטן מאָל און דאַן האָט ער אים שוין גאָר ניט געשענקט קיין אויפמערקזאַמקייט, אָבער דער דעטעקטיוו האָט אַלץ ניט אויפגעהערט אים צו פאַרטשעפּען ביז מאַיק האָט געטאָן אַ קוק אויף אים און מיט אַ סאַרקאַסטישן שמייכל געזאָגט צו אים, אַז ער וועט אים ניט אָפּענטפערן, ווייל ער וויל ניט פירן קיין ווערטער דועל מיט אַזעלכן וואָס שטופּט זיין נאָז איבעראַל.

שלמה'לע האָט עס געהערט און אַזוי פאַרבייגייענדיק, אַ זאָג געטאָן: ער שטופּט ניט די נאָז, ער גיט בלויז אַכטונג, אַז ער זאָל זיין דער ערשטער וואו עס איז פאַראַן צו מאַכן אַ דאלאר...

מלא רציחה איז דער דעטעקטיוו געוואָרן. ער האָט זיך אין אַן אויפגערעגטן טאָן געווענדעט צו שלמה'לעס פאָטער און אים געפרעגט צו האָט ער אַ סך אַזעלכע קלוגע „ממזרים", אין אַ האלבע שעה ארום זיינען געקומען אַ פּאָר טוצן פּאָליציי-לייט מיט אַ וואָגן, מען האָט אַרעסטירט שלמה'לעס פאָטער און די מוטער האָט געוויינט און עס האָט גענומען אַ פּאָר וואָכן צייט ביז די הויז איז אַביסל רואיקער געוואָרן, אָבער מען רעדט ניט אין הויז ארום קיין וואָרט מער אַז מען זאָל ניט דערמאָנען שלמה'לען, אַז ער טאָר ניט זאָגן קיין וואָרט אין דער אַנוועזנהייט פון פרעמדע מענטשן.

גאַנצע נעכט פלעגט שלמה'לע חלום'ען וועגן דעם אי-בערפאַל וואָס די פּאָליציי האָט דאָן געמאַכט איבערן הויז. ער זעט ווי דער דעטעקטיוו נעמט אַרויס פון טישקעסטל און טאַטנ'ס קעשענע זילבערנע דאָלארן און פּאַפּירנע דאָ-לאַרן און שרייט און שלאָגט דעם טאַטן זיינעם און די מאַ-מען און ער אליין, שלמה'לע לויפט און כאַפּט אַ פלאַש מיט ביר און וויל דערלאַנגען דעם דעטעקטיוו איבערן קאָפּ, לויפט אונטער אַ פּאָליציי-מאַן און שטעלט אונטער דאָס מויל און שלמה'לע גיסט אים אריין איין פלאַש ביר נאָך דער אַנדערער.

מיט אַמאָל דערזעט ער ווי עס קומט אַריין דער מעיאָר פון שטאָט מיטן פּאָלים קאָמישיאָנער און מען הויבט אָן שפּריצן וואַסער פון אַ גרויסער קישקע גלייך אויף דער מאַ-מעס פנים, ווערט ער אַ פאַרציטערטער און כאַפּט זיך אויף שרייט ניט מיט זיינע קולות. און ווען ער האָט זיך אוייפ-

געכאַפּט האָט ער אַלעמאָל געטראָפֿן נעבן בעטל די מאַ-
מען. מיט אַ פֿאַרזאָרגטן פּנים פֿלעגט זי שטיין און אים
גלעטן, אַליין אַ דערשראָקענע און אים באַרויִקן.

אָבער איצטיקס מאָל איז די מאַמע געווען אַן אַנדערע.
זי האָט עפּעס איצטיקס מאָל אויסגעקוקט אינגאַנצן אַנ-
דערש. זי איז אַליין אויך געווען פֿאַרפּוצט אין אַ יום-טובֿ׳-
דיק מלבוש און האָט אויסגעקוקט שענער ווי אַלעמאָל,
אויך דער פּאַפּאַ וועלכער איז אַלעמאָל אַריינגעלאָפֿן אין
צימער עפּעס פֿרעגן ביי דער מאַמע, האָט אויסגעזען יום-
טובֿ׳דיקער און שלמה׳לע האָט זיך געוואונדערט און גע-
וואָלט פֿרעגן ביי דער מוטער וואָס איז געשען, אָבער ער
האָט ניט געוואַגט צו פֿרעגן מער און אפֿילו ווען ער האָט
איבערגעפֿרעגט די מוטער וועגן די געסט, ווער זיי זיינען,
האָט ער געקוקט אַנגעשטריינקט אין דער מוטערס אויגן
און געפֿאָרשט איר בליק, צי ביִט זיך ניט איר שטימונג,
צי וועט זי אים ניט ענטפֿערן ווי זי האָט לעצטן מאָל אים
געענטפֿערט, אַז ער זאָל בעסער טאָן וואָס מען הייסט אים
און פֿרעגן ווייניקער שאלות.

דערפֿאַר אָבער האָט שלמה׳לע געפֿונען אַן אַנדער אויס-
וועג פֿאַר זיין ענערגיע. אין הויז האָט ער זיך צוריקגע-
האַלטן פֿון ריידן, אין "סקול" האָט ער אוייך מורא געהאַט
צו ריידן, ווייל דאָרט ווערט מען שטאַרק באַשטראָפֿט ווען
מען רעדט און דערצו האָט ער שטאַרק ליב געהאַט די
מיס "וויליאַמס", די לערערקע זיינע, וועלכע פֿלעגט מיט
אים אָפֿט פֿאַרפֿירן אַ שמועס נאָך דעם לערנען און אים
אַמיסטן איבערלאָזן ער זאָל איר אַרויסהעלפֿן אָפּראַמען
פֿון איר "דעסק" אָדער גלאַט אַזוי ריידן צו אים, האָט ער
אָבער לעצטנס אויך פֿאַר איר אָנגעהויבן צו שרעקן זיך,
ווייל שוין אַ פּאָר מאָל אַז ער האָט געהערט פֿון איר באַ-
מערקונגען אַזעלכע וואָס זיינען אים ניט געפֿעלן. זי האָט

אים שוין אַ פּאָל מאָל איבערגעפרעגט: שלמה׳לע, ווי אַזוי ווייסטו ווער יענער איז? און נאָך אַזעלכע פראַגן וואָס האָבן אים אָנגעהויבן אַריינוואַרפן אין אַ חשד, אַז זי איז אויך עפּעס ניט צופרידן מיט אים.

האָט שלמה׳לע אָבער געפונען אין "סקוהל אַ חבר פאַר וועמען ער האָט זיך געקענט אויסריידן זיין האַרץ וויפיל ער האָט אַליין געוואָלט. "דזשים" האָט מען זיין חבר גע-רופן. ער איז געווען יענעם באַרימטן שכור׳ס, מאַיקס, אַן איינִיקל און איז שוין אַלט געווען דאָס צוועלפטע יאָר, אָבער שלמה׳לע האָט זיך מיט אים שטאַרק באַפריינדעט, און ווען מען איז געגאַנגען פון סקול, פלעגט שוין "דזשים" אָפּוואַרטן שלמה׳לען און זיי פלעגן צוזאַמען גיין אַ היים, אָדער גיין אויפן "פּלעי-גראַונד" זיך שפילן און שלמה׳לע איז שטאַרק צוגעוואַקסן געוואָרן צו דזשימען לעצטנס, ווייל וויפיל שלמה׳לע האָט גערעדט, האָט דזשימי אויסגע-הערט, אַמאָל האָט ער געענטפערט מיט אַ געלעכטער און אַמאָל דאָס אויך ניט, נאָר איז געשטאַנען און געקוקט אויף שלמה׳לען מיט זיינע אויסגעשטאַרטע אויגן און געשוויגן.

יענעם פרייטאָג ווען די מאַמע האָט אים אַזוי האַרציק און אַזוי פול ליבשאַפט אָנגעטאָן די נייע מלבושים. האָט שלמה׳לע זיך אָנגענומען מיט מוט און איבערגעפרעגט נאָך אַמאָל פאַרן אַוועקגיין: "ווער זשע וועלן עס זיין די געסט? מאַמע!", "גרענדפּא!" זונדעלע מיינער, האָט די מוטער אים געענטפערט און אָפּגעפייערט אַ הייסן קוש אויף דער באַק.

דעם גאַנצן וועג ביז ער איז געקומען צו "סקול", האָט שלמה׳לע געזוכט ביי זיך אין קאָפּ זיך אויסצעמאָלן ווי אַזוי אַ "גרענדפּא" קוקט אויס, ער האָט זיך פאַרגעשטעלט אַז ער מוז זיין אַ הויכער, אַ געזונטער אַזוי ווי דזשימי׳ס

"גרענדפא" מאַיק! אָבער, ניין, ער וואָלט ניט וועלן ער זאָל אַזוי אויסקוקן ווי מאַיק, ווייל מאַיק האָט אַ רויטע נאָז איז איז אַ שכור. ער וואָלט וועלן אַז זיין "גרענדפא" זאָל אויסקוקן אַזוי ווי... נו, יאָ, ער האָט געהערט אַז דער פרעזידענט אין אויך אַ "גרענדפאַ", ער וואָלט וועלן אַז זיין זיידע זאָל אויסקוקן ווי דער פרעזידענט; אָך וואָלט ער געווען גליקלאַך, ווען זיין זיידע זאָל אויסקוקן אַזוי ווי אַ פרעזידענט און אַזוי האָט ער פאַנטאַזירט דעם גאַנצן וועג ביז ער איז צוגעקומען צו "סקול" ווען דער גלאָק האָט אָנגעקלונגען און ער איז גלייך אריין אין זיין רייע קינדער. ער איז געווען צופרידן וואָס ער האָט ניט פאַר־שפעטיקט.

דעם פרימאָרגן האָט מיס וויליאַמס ניט געפילט ווי צו לערנען מיט די קינדער די געוויינלאַכע לימודים. זי האָט אָנגעשריבן אַ צאָל ווערטער אויפן טאָוול און געהייסן זיי די ווערטער קאָפּירן. שלמה׳לען האָט זי צוגערופן און אים געגעבן אַ צאָל שרייב־פענדלאַך און פאַפיר ער זאָל צו־טיילען צו אַלע קינדער פון קלאַס און אַליין האָט זי זיך אַוועקגעשטעלט ביים פענסטער און געקוקט אויף די ווייסע שטיקער כמאַרעס וואָס האָבן אויסגעקוקט ווי גרויסע אייז בערג, וואָס שווימען אויף אַ ברייטן אונענדלאַכן בלויען ים, אָבער זיי האָבן זיך געיאָגט מיט אַזאַ אימפּעט, אַז עס האָט אויסגעקוקט ווי זיי לויפן אַלע אין איין שליחות, יאָגן זיך אַלע אין איין ריכטונג ווי זיי וועלן אַלע זיך דאָרט צוזאַמענקלייבן און פאַרשטעלן די זון; זי שטייט ווי צו־געשמידט צום פענסטער פאַר אַ ווילע, דאַן האָט זי גענומען זיך צורעכט מאַכן די האָר און פלוצלינג האָט זי זיך אויסגעדרייט און אַ פרעג געטאָן: פאַרטיג?

אָבער דאָ האָט זי באַמערקט אַז שלמה׳לע שטייט נאָך נעבן איר. ער האָט צוטיילט די קינדער די בליישטיפטן

און פּאַפּיר און אַליין האָט ער זיך אַוועקגעשטעלט נעבן איר ווי ער וואָלט אַכטונג געגעבן, אַז די קינדער זאָלן טאָן זייער אַרבעט. מיס וויליאַמס האָט אים דערזען אַזוי שטייען האָט זי אויף אים געטאָן אַ שטרענגן בליק, אָבער אין איין סעקונדע האָט זיך די שטרענגקייט פּאַרלאָרן און איר פּנים איז ווידער געוואָרן אַזוי צאַרט, אַזוי ווייך און אַזוי ליכטיק אַזוי ווי שלמה׳לעס מאַמעס פּנים האָט אויסגעקוקט יענעם פרימאָרגן.

פּאַר אַ מינוט האָט עס אויסגעזען אַז אָט וועט מיס וויליאַמס אַרומכאַפּן שלמה׳לען, אים נעמען אויף אירע הענד און אויסקושן אים אַלע זיינע אברים, פּונקט ווי זיין מאַמע האָט געטאָן, אָבער מיט אַמאָל האָט זי עפּעס ווי זיך געביטן און אַ זאָג געטאָן האַלב ערנסט און האַלב שפּאַס: „לוק עט דעט ליטל היב!“ — זע נאָר דאָס קליינע אידעלע, הייסט עס.

זי האָט געהייסן שלמה׳לען זיך זעצן אויף זיין פּלאַץ און אַליין איז זי צוגעגאַנגען צו דער שאַפע פון וואַנען זי האָט אַרויסגענומען אַ צאָל בילדער. איינע פון די בילדער האָט זי מיט אַ שפּילקע צוגעשטאַכן צום וואַנט, דאָס איז געווען די בילד פון אַן אַלטן פּאַטריאַרך מיט אַ גרויסער, ווייסער, אַביסל צעשויבערטער באָרד און זי האָט זיי אָנגעהויבן דערציילן אַ מעשה׳לע וועגן דעם „אַלטן פּאַטריאַרך אברהם“. מיט פערכאַפּטן אָטעם זיינען די קינדער געזעסן און זיך צוגעהערט ווי די לערערקע האָט דערציילט וועגן די אבות און אַלעמאָל געוויזן אַנדערע בילדער: ווי אברהם פירט זיין זון יצחק צו דער עקדה, ווי אַ מלאך פליט אַרונטער פון הימל און שרייט צו אברהם׳ן, פּונקט דאַן ווען ער האָט שוין אויסגעשרעקט דאָס מעסער, אַז ער זאָל ניט קוילען זיין איינציקן זון. . .ווען דער גלאָק האָט געקלונגען אַז מען אַרויסלאָזן די קינדער, האָבן זיך אַלע

קינדער אויפגעכאפּט ווי פון אַ צויבער וועלט, אָדער פון אַן אנגענעמענעם חלום אויפגעוועקט.

שלמה׳לע איז געווען דער איינציקער וואָס איז ניט געווען אַזוי פאַרכשופט פון די מעשה׳לאך. ער האָט זיי שוין לאַנג געערט. אַ, ער האָט געערט שוין אפילו וועגן יוסף׳ן מיט זיינע ברידער. ביי זיי איז געווען אַ איד מיט אַ קליין בערדעלע, ער האָט אים זער ניט ליב געהאַט דעם אידן מיטן בערדעל, ער פלעגט שטענדיק האָבן אַ פעדער אויפן אַקסל, אָדער אויפן אַרבל און אַמאָל איז אויך געווען בלוט אויף זיין רעקל, אויף דעם אידן׳ס, שלמה׳לעס מאַמע פלעגט אים רופן "רבי שוחט", אָט יענער איד פלעגט אַמאָל קומען אויסגעפּוצט און זיצן און דערציילן מעשה׳לאך פון אברהם יצחק, יעקב און יוסף. און שלמה׳לע האָט שוין אַלץ געוואוסט, ער איז דערפאַר געווען העכסט צופרידן וואָס די צייט איז פאַראיבער און ער האָט זיך געלאָזט לויפן וואָס שנעלער צו טרעפן זיין חבר „דזשים".

אַ גאַנצן וועג איז שלמה׳לע געגאַנגען מיט „דזשימין" און גערעדט און דערציילט וועגן די נייע זאָקן, וועגן די נייע קורצע הויזלעך, וועגן דעם ווייסן „סוועטהער", און וועגן די איינריכטונגען וואָס מען מאַכט אין הויז ביי זיי און ווי אַלע גרייטן זיך און וואַרטן מיט אומגעדולד אויף דעם גאַסט, אויף „גרענדפּאַ" און דערביי לאָזט שלמה׳לע זיין פאַנטאַזיע גייען און מאָלט אין פאַרבנרייכע בילדער ווי זיין „גרענדפּאַ" איז איין אָנגענומענער מענש, אַ באַרימטע פערזענלאכקייט וואָס האָט אַמאָל פאַרבראַכט מיט פּרעזידענט רוזוועלט, ווען ער איז געפאָרן קיין אפריקע און האָט באַגעגנט זיין זיידען דאָרטן ערגעץ ביי איינעם פון די פּרעזידענטען אין אַזיען. . . און אַזוי האָט ער גערעדט און דערציילט ביז זיי זיינען צוגעקומען צום הויז. "דזשים" האָט די גאַנצע צייט ניט אויסגערעדט קיין

וואָרט, נאָר ווען שלמה'לע האָט זיך געזעגנט מיט אים האָט „דזשים“ לאַכנדיק געזאָגט: „עס איז אַזוי גוט צו הערן ווי דו רעדסט, ווען ארויסקומען שפּעטער זיך שפּילן?“ שלמה'לע האָט שוין ניט געענטפערט. ער איז אַריין אין שטוב און „דזשימי“ איז אַוועק ווייטער.

אַ פאַרגאַפטער איז שלמה'לע געבליבן שטייען אַ ווײַלע, ווען ער איז אַריין אין הויז — ממש ווי אַ נייע הויז. אַלץ קוקט אויס אַנדערש; עס פינקלט אין יעדן ווינקעלע און דער טיש — א קייזערלאכער! א קלאָר ווייסער טישטאַך און צוויי גרויסע געלע קוילעטשן קוקן ארויס פון אונטערן טישטאַך, צוויי נייע זילבערנע לייכטער אויפן טיש, וואָס שלמה'לע האָט קיינמאָל פריער ניט געזען, עס שמעקט אין שטוב מיט געקאָכטע פיש און שלמה'לע שטייט פאַר אַ ווײַלע פאַרוואונדערט, און שרייט באַלד אויס: „וואָס איז דאָס?!“ זע נאָר, זע, וואָס דאָ טוט זיך.

אָבער די מוטער איז אַרויסגעלאָפן פון קיך און גלייך צו שלמה'לען צייגנדיק מיט פינגער אויפן מויל: ש-ש-אַ! זון מיינער, דער „גרענדפּאַ“ שלאָפט, ער איז מיד פון וועג און די מוטער נעמט אים אויסגלייכן די צעשויבערטע האָר אויפן קעפּל און רעדט צו אים אַזוי שטיל, אַז ער האָט קוים געהערט. די מאַמע בויגט זיך אַרונטער אויף די קני און גלייכט אויס דעם ווייסן קאָלנער אויף שלמה'לעס האַלז וואָס האָט זיך ארויסגעשלעפּט אין איין זייט פון'ם ווייסן „סוועטהער“ און רעדט צו אים שטיל און דערציילט אַז דער זיידע איז געקומען מיט אַ שיף. פאַר טויזנטער מיילן ווייט איז ער געוועזן און איז געפאָרן לאַנג ביז ער איז געקומען זען אַלעמען דאָ, דאַרף מען אים לאָזן שלאָפן, זיך אויסרוען.

מיט אַמאָל האָט די מוטער באַמערקט ווי שלמה'לע האָט אַ שטאַרקן ציטער געטאָן און איז בלאַס געוואָרן,

ווי ער וואָלט זיך פאַר עפּעס דערשראָקן: מאַ! האָט שלמה׳לע שטיל אַרויסגערעדט און איז נאָך בלאַסער גע־וואָרן. דאָס האָט שלמה׳לע דערזען פון צווייטן צימער אַרויסקומען דעם זיידן. דאָס בלאַסע פּנים און די מילך־ווייסע באָרד פון דעם אַלטן זיידן האָבן אָנגעוואָרפן אַ שרעק אויף שלמה׳לען און ווען דער אַלטיטש־קער האָט זיך אָנגעבויגן אַ קוש טאָן שלמה׳לען, האָט ער געציטערט ווי אַ פיש און שוין געוואָלט אָנהויבן שרייען מאַמע! אָבער ער האָט זיך דערמאָנט אַז שרייען טאָר מען נ׳ט, אַז רעדן טאָר מען ניט און ער האָט זיך אנגעהאלטן מיט אַלע כחות און ניט געזאָגט קיין וואָרט. ער האָט בלויז געקוקט מיט אויסגעשטאַרטע אויגן אויף דעם אַלטן און זיין האַרץ האָט שטאַרק געקלאַפּט פאַר שרעק.

לאַנג האָט גענומען שלמה׳לען זיך צוגעוואָינען צום געדאַנק, אַז דאָס איז זיין זיידע. ווי אַזוי קען עס זיין, דער אַלטער איז דאָך גאָר אַ „שיני״ מיט אַ באָרד, מיט אַ פּנים פון אַ טויטן — ניין, עס קען ניט זיין! און וואָס זאָל ער איצט זאָגן „דזשימין״? „דזשימי״ וועט לאַכן, ווען ער וועט דערזען דעם אַלטן „שיני״.

שפּעט אין אוונט איז שלמה׳לע נאָך געזעסן ביים טיר און זיך צוגעערט וואָס דער פאָטער און די מוטער, דער זיידע און די אַלע קרובים און געסט וואָס זיינען געקומען האָבן גערעדט צווישן זיך, אָבער עפּעס אַלעמאָל האָט דער זיידע אַריינגעוואָרפן אַזעלכע ווערטער וואָס ער, שלמה׳לע האָט ניט פאַרשטאַנען. אַ גאַנצע נאַכט איז שלמה׳לע ניט געשלאָפן. און ווען ער איז שוין יאָ איינגעשלאָפן, האָט ער אָנגעהויבן חלומ׳ן: ער האָט געזען דעם ים, ווי ער שטורמט כוואַליעס וואַרפן זיך ביזן הימל אַריין און אויף יעדער ריזיקער כוואַליע, שטייט דער זיידע זיינער און ער פירט

אַ קאַמף מיט דעם ווינט, דער זיידע זיינער: דער ווינט צעשויבערט זיין באָרד און דער זיידע גיט אַ טרייסל מיטן קאָפּ און זי ווערט ווידער אויסגעגלייכט. מיט אַמאָל דערזעט ער ווי דער זיידע שטייט אויף אַ ריזיקער באַרג-כוואַליע און פון מיטן דער כוואַליע שטרעקט מיס וויליאַמס אויס די האַנד און נעמט דעם זיידן אויף איר האַנד און האַלט אים פאַרן קלאַס און דערציילט ווי דער פּאַטריאַרך האָט געפירט זיין איינציקן זון צו דער עקדה און דער זיידע נעמט אַרויס אַ גרויסן מעסער און וויל קוילען אים, שלמה'לען, וועלכער ליגט געבונדען ביי מיס וויליאַמס אויפן דעסק און אַ מלאך פליט פון הימל און שרייט: „אברהם, זאָלסט ניט קוילען" און שלמה'לע כאַפּט זיך אויף, ער געפינט די מוטער ביים בעטל, זי איז דאָס מאָל אויך אויפגעלעגט און גלעט אים און פרעגט אים וואָס האָט זיך אים געחלומ'ט, וואָס ער האָט אַזוי געשריען.

פאַר „דזשימין" האָט זיך שלמה'לע אין סקול באַרימט אַז זיין זיידע איז אַ פּאַטריאַרך, אַז ער קוקט אויס ווי דער אַלטער אברהם וואָס מיס וויליאַמס האָט וועגן אים דער-ציילט און אַז ער קען שפּראַכן אָן אַ שיעור כמעט אַלע 72 לשונות, קען ער. . . און „דזשים" פרעגט אים ווען ער וועט אים מיטנעמען אַ היים און אים אָנצייגן זיין פּאַט-ריאַרכאַלישן זיידן, אָבער שלמה'לע האָט אַלץ אָפּגעלעגט אויף שפּעטער. ער האָט אים דערציילט אַז דער זיידע איז געפאָרן פאַר טויזנטער מיילן איבער ימים און מדבריות און אַז אַן עלטערער מענש ווערט שנעלער מיד פון אַזאַ שווערער רייזע און ער האָט ניט מיטגענומען "דזשימין" צו זיך אַהיים און ניט געצייגט אים דעם אַלטן פּאַטריאַרכאַ-לישן „גרענדפּאַ".

מיט אַ פּאָר וואָכן שפּעטער, דאָס איז געווען ערב סכות ווען „דזשימי" איז פאַרביי געגאַנגען דאָס הויז פון שלמה'-

לען און דערזען שלמה'לעם מוטער מיטן „גרענדפּאַ“. „דזשים“ איז געקומען אויפן צווייטן טאָג אין „סקול“ און פּאַר אלעמען אין די אויגן האָט ער זיך געווענדעט צו שלמה'לען און געזאָגט: דערפאַר האָסטו ניט געוואָלט איך זאָל זען דיין „גרענדפּאַ“, ווייל ער איז אַ „שיני“ מיט אַ גרויסער "וויסקערס", אזוי ווי "סאַנטאַ-קלאָוז"! איך ווייס שוין איצטער, ער איז אַ „שיני“.

ווען עס וואָלט זיך געעפנט אַ גרוב וואָלט שלמה'לען געווען ניחא'ר אַריינצופאַלן איידער צו הערען פון "דזשימין" אָט די ווערטער; ער האָט דערפילט אז אים איז געוואָרן היים אין אַלע אברים און באַלד איז אים געוואָרן קאַלט און עס האָט אים אָנגעהויבן וואַרפן ווי אין אַ קדחת און ער האָט געפילט אַז אַזוי גלאַט אָפּגייען וועט עס ניט, אַז ער מוז עפּעס אָפּענטפערן אָט דעם געוועזענעם נאָנטן חבר זיינעם, וועלכער האָט זיך מיטאַמאָל אַזוי דערוויטערט פון אים און אַז צו ראַטעווען דעם כבוד, דעם פּרעסטיזש, מוז עפּעס געטאָן ווערן אָדער געזאָגט ווערן, אז ניט, וועט ער, שלמה'לע, פאַרבלייבן דער „שיני“, צווישן אַלע סקול אינגלאַך, נאָר ער האָט דערויף געענפערט: „אויב דו ביזט ניט אזא שכור ווי דיין זיידע און דו ווייסט וואָס דו רעדסט, וועל איך דיר צייגן אז דו ביזט א פאַרשטאָפּטער קאָפּ און דו פאַרשטייסט ניט ווער מיין זיידע איז, ער איז אַן אַרכי-טעקט פון אייראָפּאַ און אין איין טאָג האָט ער אויפ-געבויט אַ לופטיקן צימער ביי אונז אויפן הויף, אָבער אַ צימער מיט אַ דאַך, מיט פענסטער און בלויז אַ טיר דאַרף ער נאָך אויפהענגען, מסתמא וועט שוין זיין פאַרטיק די טיר אויך ווען איך וועל קומען אהיים. "דזשימי" האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנד, „הע, מעשות, אַן אַלטער ,שיני'— אַן אַרכיטעקט“!

דערויף האָט אים שלמה'לע געענטפערט מיט אַ פּאָר זידל־ווערטער און איינגעלאַדן אים מיט נאָך צוויי חברים זיינע אַז פֿון סקול זאָלן זיי גלייך גייען צו שלמה'לען אויפֿן הויף און אָנקוקן דעם „פּאַלאַץ" וואָס דער אַלטער זיידע, דער פּאַטריאַרך, האָט אויסגעבויט אויפֿן הויף און בלויז אין איין טאָג צייט...

ווען זיי זיינען אַלע פֿיר געקומען אויפֿן הויף און דערזען די סוכּה וואָס איז געווען צוזאַמענגעשטעלט פֿון עטלאַכע ברעטער און אַ פֿענסטער און אַנשטאַדט אַ טיר האָט שוין געהאַנגען אַ לאַנגער פֿאָרהאַנג, זיינען זיי אַלע געבליבן שטייען און באַוואונדערט די „געביידע", נאָר „דזשימי" האָט מיטאַמאָל אַ ריס געטאָן דעם פֿאָרהאַנג און די גאַנצע סוכּה איז איינגעפֿאַלן.

אינהאַלט:

נאָמען	זייט
קאָלומבוס	7
אוריה פ. ליווי	23
נידער מיטן קעניג	49
תקיעת כף	56
בטחון	80
עמא	92
צעוואַרפן די סוכה	111

ליבאָר וואָירלד פּרעס
508 סאוט קעדזי עוועניו
שיקאַגא, איל.

ALLIED PRINTING TRADES UNION LABEL COUNCIL CHICAGO 379